ספר

# אהל נפתלי

זייער וואונדערליכע מעשות פון דעם הייליגן צדיק
דער רבי ר' נפתלי זצללה"ה פון ראפשיץ :

מיר האבן דאס איבער געזעצט אויף זשארגאן
כדי יעדער זאל קענען לייענען . און וויסען
דאס גרויסקייט פון דעם הייליגן צדיק . און זיך
ארויס נעמען א מוסר וויא אזוי צו דינען השי"ת :

8

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.
EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

## דערליכע מעשית פון דעם היליגען צדיק ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

ער צדיק איז געוועזען איין אידים פון דער שטאט בראד איין מאל איז ער אריין געקומען אונ זיין שטוב אריין האט ער גיטראפין זיין ווייב אז זיא איז געשטאנין ביא דעם שפינאל אונ זיא האט זיך גיצירט האט ער זיא גיפרעגט פאר וואס דארפסט דיא דיך צירין דיא גיפעלסט דאך מיר אזוי אויך אום גיצירט. האט זיא איהם גיענטפערט איך וויל דען נאר דיר אליין גיפעלין איך וויל אנדערע אויך גיפעלין. אזוי וויא ער האט דאס דער הערט איז ער באלד אריבער גיפארין קיין זלאטשוב צוא דעם רבין ר' מכלי אונ אזוי וויא ער איז אריין געקומען האט ער איהם גיפרעגט רבי! זאל איך מיך גטין האט איהם דער רבי גיענטפערט יאה. האט ער זיא באלד גיגעט אונ ער איז דער נאך גיוועזען ביא דעם ר' מיכלי אנאנץ יאהר. אונ דער נאך איז געקומען דער גביר ר' היוש נאלד האמער פון דוקלא צו דעם רבין ר' מיכלי אונ ער האט פאר איהם דערמאנט זיין טאכטער אז ער קרינט נישט קיין שידוך פון אירעט וועגען האט איהם דער רבי גיזאגט אז ער זאל זיך משדך זיין מיט ר' נפתלי'ן האט ער איהם באלד גיהערט אונ מען האט דארטין גימאכט דיא תנאים:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון רבין ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

אונ דער שטאט ראפשיץ איז נפטר גיווארען דער רב זענין עטליכע בעלי בתים געפארען צו דעם רבין ר' מענדלי פון רימינוב זייא זאלין איהם פרעגין וועמין זייא זאלין אויף נעמין פאר איין רב. אונ זייא זענין דארטין גיבליבין אויף שבת. ביא שלוש סעודות האט דער רבי ר' מענדלי אהן געהויבען צו רידין פון דעם רבנות פון ראפשיץ פליצלינג איז ארוים געגאנגין איין קול מיט דעם לשון ? ווען ר' נפתלי דוקלער זאל וועלין איוועק לייגין זיין איין גישעפט וואלט גלייך גיוועזען איהם אויף צוגעהמען האט באלד דער רבי ר' מענדלי גיהייסען איין צינדרין ליכט כדי מען זאל גיוואר ווערין ווער עס האט דאס גיזאגט אונ ער האט גיפרעגט אלע מענטשין וואס זייא זענין דארטין געוועזען ווער עס האט דאס גיזאגט. האבין זייא אלע גיענטפערט אז זייא האבין דאס נישט גיזאגט. האט דער רבי ר' מענדלי גיזאגט גוא זעהט מען דאך אז דאס איז געוועזען איין כרוז פון הגמטעל אונ ער האט זייא גיהייסין פארין קיין דוקלא אונ איהם אויף צוא נעמין פאר איין רב קיין ראפשיץ האבין זייא אזוי גיטאן:

## נאָך אַ ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל

**דער** פאָטער פון דעם רבי'ן ר' נפתלי איז יונגע הייט געוועזן רב אונ דער שטאָט האַרידענקא איין מאָל איז דאָרט אַרום דורך גיגאַנגין דער שפּאָלער זיידע אונ דער צדיק ר' מרדכי פון נעסכיז וואָס זייא זענין דאַמאָלס גיגאַנגין אונ גלות אונ זייא זענין גיגאַנגין אונ צריסינע מלבושים כדי מען זאָל זייא נישט דערקענין אונ דער רב פון האַרידענקא האָט זייא דערקענט אונ ווען זייא זענין דאָרטין געוועזין האָט איין גביר פון דאָרטין חתונה גימאַכט זענין זייא גינאַנגין אויף דער חתונה אונ זייא האָבין זיך גיזעצט אויבין אָהן. האָט דאָס דעם גביר שטאַרק פאַרדראָסין אָבער בעוויל ער איז געוועזען איין ווייבער מענטש האָט ער זייא נישט גיוואָלט פאַרשעמין. נאָר אויף דער חתונה איז גיוועזען איין גרויסער גביר זייער איין בייזער מענטש. האָט ער גיזאָגט צו דעם בעל הבית אונ עטליכע טעג אַרום וועל איך חתונה מאַכין מיין זוהן אונ אַז דיא דאָזיגע ..עלין קומען צו מיר אונ זיי וועלין זיך זעצין בייא מיר אויף אויבין אָהן וועל איך זייא ווייזען מיין כח. האָבין זייא זיך גיזוימט נאָך עטליכע טאָג אונ זייא זענין גינאַנגין אויף דער חתונה אויך אונ זייא האָבין זיך דאָרטין אויך גיזעצט אויבין אָהן איז דער גביר צו גינאַנגין צו זייא אונ ער האָט זיך גיקריגט מיט זייא אונ ער האָט זייא גיהייסען אַרויס גיין פון זיין שטוב אונ וויא זייא האָבין נישט גיוואָלט גיין אַרויס האָט ער זייא שטאַרק גישלאָגין. אָבער זייא האָבין איהם גיענטפערט האַרטע רייד איז ער שטאַרק בייז געוואָרען אונ ער א. גילאָפין צו דעם נאַטשאַלניק אונ ער האָט מיט זיך גענומען איין סטראַזשניק אונ ער האָט זייא איין גיזעצט אונ תפיסה אַריין. אַזוי וויא דער רב פון דאָרטין איז דאָס גיוואָר געוואָרען האָט איהם זייער באַנק גיטאָהן אויף דיא צווייא צדיקים איז ער באַלד אַרובער גיגאַנגין צו דעם גביר אונ ער האָט איהם גיבעטין אַז ער זאָל זיך פאַ־ין אַז מען זאָל זייא אַרויס לאָזין פון דער תפיסה אונ דער גביר איז געוועזין איין למדן אויך אונ ער האָט מחבר געוועזען איין ספר אונ ער האָט שטענדיג גיבעטין דעם רב אַז ער זאָל איהם געבין איין הסכמה אויף זיין ספר אונ דער רב האָט איהם נישט גיוואָלט געבין בעוויל ער האָט געפינען אונ זיין ספר עטליכע אַפּיקורסישע ווערטער. דרובער יעצט אַז דער רב האָט איהם גיבעטין אַז ער זאָל זייא פרייא מאַכין האָט ער איהם גיענטפערט אַז איהר וועט מיר געבין איין הסכמה אויף מיין ספר וועל איך מיך פּאָרין זייא צו באַפרייען. אָבער אַז איהר וועט מיר נישט געבין יעצט קיין הסכמה אויף מיין ספר זאָלט איהר זיין פאַרזיכערט אַז איך וועל זייא דאָרטין לאָזין זיצין עטליכע חדשים. איז דאַמאָלס דער רב געקומען צווישין דיא גימאַרקין אונ ער האָט זיך נישט גיקענט גיפינען קיין עצה האָט ער איהם גינעבין איין הסכמה אונ ער האָט זייא באַפרייט אונ דער גביר האָט גידרוקט זיין ספר מיט דעם רבינ'ס הסכמה. איין מאָהל איז געקומען איין מוכר ספרים קיין ליזנסק אונ דאָרטין

דאָרטען איז געוועזען זײַן פאָטער ארב האט ער געזעהן בײַא דעם מוכר ספרים דאָס ספר פון דעם נכיר מיט זײַן זוהן'ס הסכמה האט ער דאָס געקויפט אונ אַז ער האט דרינען געקוקט עטליכע בלעטליך האט ער דערקענט אַז דער מחבר איז אײַן אפיקורס האט איהם שטאַרק פאַרדראָסען אויף זײַן זוהן פאַר וואָס ער האט איהם געגעבען אײַן הסכמה אונ ער האט געמײנט אַז זײַן זוהן איז אויך אַזוי געוואָרען האט ער צעריסען זײַנע קלײדער אונ ער האט שטאַרק געוויינט. אונ זײַן זוהן דער רב פון האָרידענקא האט געשריבען בריף צו זײַן פאָטער אָבער ער האט איהם נישט געענטפערט האט ער זיך שטאַרק געזאָרגט אויף זײַן פאָטער איז ער געפאָרען קײן ליזענסק ער זאָל געוואָר ווערען פאַר וואָס ער האט נישט קײן ענטפער אָבער זײַן פאָטער האט איהם נישט געלאָזט אַרײַן אונ זײַן שטוב אַרײַן אונ ער האט שטאַרק געוויינט פאַר זײַן פאָטער אונ ער האט איהם געפרעגט וואָס איז מײַן זינד אונ זײַן פאָטער האט איהם נישט געוואָלט ענטפערען אונ ער האט איהם אפילו נישט געוואָלט אָהן קוקען ביז ער איז געוואָר געוואָרען פון מענטשען וואָס זײַא האָבען איהם געפרעגט אַז ער איז בײַז פאַר וואָס ער האט געגעבען זײַן הסכמה אויף דעם אפיקורסישען ספר האט ער איהם געשריבען דיא מעשה מיט דעם נכיר וואָס ער האט אײַן געזעצט דיא צווײַא צדיקים אונ ער האט איהם געמיזט געגעבען אײַן הסכמה איז דאַמאָלס הערשנו שלום געוואָרען :

## נאָך אַווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל :

אַז דער רבי ר' נפתלי איז דאָס ערשטע מאָהל געקומען צו דעם רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק צו ווערען זײַן תלמיד האט איהם דער רבי ר' אלימלך נישט געוואָלט צו נעמען פאַר אײַן תלמיד אונ ער האט איהם געזאָגט דיא בײַסט אײַן זוהן פון אײַן רוצח האט איהם דער רבי ר' נפתלי געפרעגט מיט וואָס איז מײַן טאַטע געוועזען אַרוצח האט איהם דער רבי ר' אלימלך געענטפערט אַז איך בין געגאַנגען אונ גלות מיט מײַן ברודער דער רבי ר' זושא ז"ע. האָבען מיר שוין געוואָלט אהײם גײן זענען מיר דורך געגאַנגען דורך דער שטאָט ליזענסק דאָ וויא דײַן פאָטער איז אויף זײַן עלטער געוואָרען רב זענען מיר אַרײַן געגאַנגען צו דײַן פאָטער נאָך אײַן נדבה האט ער אונז דערקאָנט אונ ער האט אונז געגעבען עטליכע גילדינע מטבעות אונ אַז מיר זענען אַרויס געגאַנגען האָבען מיר דער זעהן אַז דאָס איז גילדענע מטבעות האָבען מיר געמײנט אַז ער האט זיך טועה געוועזען זײַנ[ען] מיר צוריק אַרײַן געגאַנגען צו איהם אונ מיר האָבען איהם געזאָגט רבי איהר האט אײַך טועה געוועזען איהר האט אונז געגעבען גילדענע מטבעות אונ איהר האט געמײנט אַז זײַא זענען קופּערניא האט ער אונז געענטפערט איך האָב מיך נישט טועה געוועזען

בעווײַל

בעווייל איך ווייס ווער איהר זענט נאָר איהר זאָלט וויסען אַז ווען איך זאָל זײַן אַזוי פיהל יאָהרין אונ גלות וויא איהר וואָלט איך געקומען צוא איין גרעסערע מדרגה וויא איהר זענט אונ דורך דעם זענין מיר גינאַנגען נאָך איין יאהר אונ גלות:

## נאָך אַוואונדערליכע מעשה פון רבין ר' נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל:

אונ דער שטאָט פראַנקפורט האָט גיוואָהנט דער גאון וואָס ער האָט מחבר גיוועזן דאָס ספר פרי מגדים איין מאָהל איז דורך גיפאָרין דורך פראַנקפורט דער גאון ר' מאיר ווייל ז"ל ווען ער איז גיפאָרין קיין בערלין ווערין רב איז ער גיגאַנגין זיך זעהן מיט דעם גאון דער מחבר פון פרי מגדים האָט זיך דער פרי מגדים שטאַרק גיפרייט מיט איהם אונ ער האָט פון זיינעט וועגין גימאַכט איין גרויסע סעודה. אונ מיטען דער סעודה האָט איהם דער פרי מגדים אַזוי גיזאָגט? חאָטש איהר פרעגט מיך נישט קיין עצה פון דעסט וועגין וועל איך אייך זאָגין מיין עצה. אַז איהר וועט קומען קיין בערלין אונ איהר וועט ווערין דאָרטין רב זאָלט איהר אייך מאַכין אַזוי וויא איין בטלן אונ גלייך וויא איהר זענט נישט גיניט אונ וועלט זאַכין וועט איהר קענין זיצין אונ לערנין אונ אַז איהר וועט מיך נישט הערין אונ איהר וועט ווייזין אייער חכמה איז נישט גיניג וואָס איהר וועט נישט האָבין קיין צייט צו לערנין נאָר איהר וועט אַפילו נישט האָבין קיין צייט צו דאַווינען בעווייל זיא איז איין גרויסע שטאָט אונ איך אליין האָב שוין דאָס גיפריבט האָב איך גיזעהן אַז עס איז גיט אַזוי איך בין גיוועזען אַ דיין אונ לעמבערג בין איך שטאַרק אָרום גיוועזען פון דאָרטין בין איך גיפאָרין קיין ברלין אונ איך האָב גילערינט אונ דעם בית המדרש פון ר' דניאל יפה אונ אַזוי וויא דיא שטאָט מענטשין זענין גיוואָר גיוואָרין אַז איך בין שוין גיקומען זענין זייא אַלע מאָהל גיקומען צו מיר זיך לאָדין אונ עס איז זייא זייער גיפעלין וואָס איך האָב זייא גיפסקינט אונ די גאַנצי שטאָט זענין נאָר גיקומען צו מיר זיך לאָדין אונ אַז איך האָב גיזעהן אַז איך האָב נישט קיין צייט אַפילו צו דאַווינען האָב איך מיך באַקלערט אַז איך זאָל מיך מאַכין פאַר איין בטלן אונ איך האָב אַזוי גיטאָהן אַז זייא זענין געקומען זיך לאָדין פאַר מיר האָב איך זייא פיהל מאָהל נעפרעגט זייערע טענות אונ איך האָב זייא גיזאָגט אַ זעלכי ווערטער אַז זייא זאָלין מיינין אַז איך פאַר שטייא נאָך נישט זייערע טענות אונ זייא האָבין מיר אַזוי לאַנג גיזאָגט ביז זייא זענין מיד געוואָרין אונ זייא זענין אַוועק געגאַנגין פון מיר אונ אַזוי האָב איך געטאָהן פיהל מאָהל אונ פון דעסטמאָלט אָהן זענין זייא שוין נישט גיקומען צו מיר אונ איך בין גיזעסין אונ געלערינט במנוחה אונ איך האָב דאָרטין מחבר גיוועזין מיינע ספרים. דעריבער זאָלט איהר אויך אַזוי טאָהן וועט אייך גוט זיין

בז"ז וכבא :

## נאָך אַ ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל:

דער גאון ר' מנחם מענדיל איז געוועזן רב און דער שטאָט לעשנוב און דער גאון וואָס מען האָט איהם גערופן זסלאַווער חזן איז דאָרטן געוועזן חזן און דער צדיק פון שפּאָלע און דער צדיק פון נעסכיז האָבן בייא איהם אַלע נאַכט געלערנט סתרי תורה אין און דער שטאָט האָט מען נישט געוויסט פון זיין גרויסקייט און ער איז שטענדיג געגאַנגן אויף אַלע בריתי'ן און אויף אַלע חתונות מאַכן אַ מי שברך און אַז זיינע צווייא תלמידים האָבן געזעהן זיין גרויסקייט זענין זייא מיט איהם מיט געגאַנגן אויף אַלע סעודות און אַז ער האָט געוואָלט זינגן דעם מי שברך האָבן זייא איהם נישט געלאָזט זינגן נאָר זייא האָבן געזונגן דעם מי שברך און די בעלי בתים זענין באַשטאַנען אויף זייער מי שברך אויך. איין מאָהל איז געוועזן איין ברית מילה בייא דעם רופא זענין זייא אַהין געגאַנגן און אַז עס איז געקומען צו דעם מי שברך האָבן זייא אָהן געהויבן צו זינגן דעם מי שברך האָט דער רופא געשריגן אויף זייא און ער האָט זייא געזאָגט איז דען דער חזן נישט דאָ. און ער האָט זייא געשאָלטן און דער רב איז אויך דאָרטן געוועזן האָט ער געזאָגט דעם רופא אַז בייא אַלע בעלי בתים זינגן זייא בעוועל זייער רבי איז שוין איין אַלטער מאַן. אָבער עס האָט נאָר נישט געהאָלפן דער רופא האָט שטאַרק געשריגן אויף דעם חזן ביז איינער פון די צווייא תלמידים האָט נישט געקענט ליידן דעם בזיון פון זיין רבי'ן איז ער אַ פער געשפּרונגען און ער האָט דעם רופא געגעבן אַ פּאַטש און ער איז באַלד אַנטלאָפן און זייא זענין אויך אַנטלאָפן און דער רופא האָט גימסרת דעם רב און דעם חזן און זיינע צווייא תלמידים פאַר דעם פּריץ און זייא האָבן זיך געמוזט אַלע אויס ציען פון דער שטאָט לעשנוב:

## נאָך אַ ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' נפתלי פון ראָפּשיץ האָט דער צייהלט איין מאָהל בין איך געשלאָפן מיט מיין פאָטער די נאַכט פון יום כפור האָט מיין פאָטער אַ גאַנצע נאַכט אַזוי געשנאָרכט דאָס איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן דורך דעם שנאָרכצין און צום סוף איז מיין פאָטער אויף געשטאַנען צו פריא און ער האָט זיך נישט געוואַשין די הענד בעוועל ער איז אויף געוועזין אַ גאַנצי נאַכט און דעם בעט און ער האָט געלערנט:

## נאָך אַוינדערליכע מעשׂה וואָס דער רבי ר' נפתלי זצ"ל האָט ערצײלט:

דער זאַסלאַווער חזן איז געוועזן דעם בעלשם'ס אַ תלמיד און ער האָט גאָר נישט געקענט זינגען. איין מאָהל האָט איהם דער בעל שם געזאָגט אַז ער וועט זיין אַ חזן פון דענסמאָלט אָהן איז ער געוואָרן איין גוטער זינגער און איין גרויסער חזן. איין מאָהל איז ער געקומען קיין ליזענסק און ער האָט געוואָלט מקבל שבת זיין האָט איהם דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק נישט געלאָזט און זיין זוהן האָט איהם געבעטין אַז ער זאָל איהם לאָזין מקבל שבת זיין בעוועל ער איז געוועזין דעם בעלשם'ס אַ תלמיד האָט ער איהם פאַרזאָגט. איז דער חזן צו געגאַנגען צו דעם עמוד און ער האָט מקבל שבת געוועזין אַז ער איז צו געקומען צו מזמור לדוד איז צו געגאַנגען דער רבי ר' אלימלך און ער האָט איהם אַוועק געשטופּט פון דעם עמוד און ער אַליין האָט געענדיגט דאָס דאַווענען. נאָך דעם דאַווענען האָט דער רבי געזאָגט צו דעם עולם איהר זאָלט אייך נישט פאַרוואונדערן וואָס איך האָב איהם אַזוי פאַרשעמט דאָס האָב איך געטאָהן בעוועל איך האָב געוויסט אַז ער וועט אָהן הייבין זאָגין מזמור לדוד וועלין מיר נישט קאָנין אויס האַלטין דעריבער האָב איך איהם אַוועק געוואָרפין פון דעם עמוד. דער נאָך האָט דער רבי מיט איהם גירעט און האָט איהם געבעטין אַז ער זאָל איהם עפּים דער ציילען פון דעם בעל שם האָט ער איהם דער ציילט אַז דער בעל שם האָט שטענדיג געלערינט מיט אליהו הנביא איז דאָס דעם רבי'ן נישט געוועזין קיין פלא. האָט ער איהם דער ציילט אַז דער בעל שם האָט געזעהן איין כלי האָט ער דערקענט ווער עס איז געוועזין דער בעל מלאכה פון דער כלי איז דאָס אויך נישט געוועזין דעם רבי'ן קיין ווינדער. דער נאָך האָט איהם דער חזן דער ציילט אַז דער בעל שם האָט געוויסט די מחשבות וואָס דער בעל מלאכה האָט געטראַכט ווען ער האָט די כלי געמאַכט איז דאָס איהם גוט געוועזין איין ווינדער:

## נאָך אַוינדערליכע מעשׂה וואָס דער רבי ר' נפתלי זצ"ל האָט ערצײלט:

דער זאַסלאַווער חזן האָט געהאַט איין משורר און דער וואָך וואָס דער חזן איז נפטר געוואָרן אום פרייטאג האָט דער משורר געזאָגט צו זיין ווייב אַז זיא זאָל איהם אָהן גרייטען זיינע שבת'דיגע מלבושים בעוועל מען האָט מכבד געוועזין דעם זאַסלאַווער חזן אַז ער זאָל מקבל שבת זיין און דעם נאָך ערן האָט דער חזן געזאָגט אַז ער וועט נישט קאָנין מקבל שבת זיין אָהן זיין משורר האָט מען אויס גירופין אַז ער זאָל קומען דעריבער מיז ער אהין גיין און עס איז אַזוי געוועזין ער האָט זיך גילייגט און זיין בעט אַרויין און ער איז נפטר געוואָרן זי"ע ועכי"א:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון רבין ר׳ נפתלי פון ראפשיץ זצ״ל :

דער רבי ר׳ נפתלי פון ראפשיץ האט זיך איין מאהל גיהייסין געבין קאווע האט מען איהם גיזאגט אז עס איז נישט דא איז ער בייז גיוואהרין אונ ער איז ארויין גילאפין אונ קעך ארויין אונ האט גיזאגט פאר מיין הארוואניא קימט מיר נים אמאהל אביסיל מילעך ? האט איהם זיין איידים גיפרעגט וויא אזוי מעג מען אזוי צערנין וועגין אזוי איין קלייניקייט דער ווייל איז ארויין געקומען איין פרויא אונ זיא האט גיוויינט פאר איהם אז זיא האט גיהאט איין צווילינג אונ זיא האט נישט קיין מילעך זייא צו געבין צו זייגין האט ער איהר גיענטפערט נייט אהיים אונ נאט וועט העלפין אונ זיין איידים האט פארגעסין נאך אמאל איהם צו פרעגין . אונ אז עס איז פאר ביי גיגאנגין עטליכע וואכין איז דער רבי נאך אמאל גיקומען אונ קעך ארויין אונ האט שטארק געצערינט אונ האט גיזאגט ! אז מען נים מיר שון אביסיל מילעך איז עס גאר אזוי וויא וואסער אביסיל שטארקע מילך פעררייע, איך נישט איז זיין איידים שטארק בייז גיווארין אויף איהם אונ ער האט איהם גיוואלט זאגין מוסר דער ווייל איז ארויין גיקומען דיא פרויא וואס זיא האט דאמאלס גיוויינט פאר איהם אונ זיא האט יעצט אויך גיוויינט אונ זיא האט גיזאגט רבי ב״ה איך האב שוין מילעך צו געבין פאר דיא קינדער אבער עס איז הויל וואסער אהן כח דיא קינדער זענין דאהר וויא שטעקענס רבי זייט מתפלל איך זאל האבין גיטע מילעך האט ער איהר גיענטפערט נייט אהיים אונ נאט וועט העלפין . איז אזוי גיוועזין . אונ זיין איידים האט שוין פארשטאנין וואס זיין שווער האט גימיינט האט ער איהם שוין גאר נישט גיזאגט אונ ער האט שוין איהם נישט נאך גיקלערט זי״ע ועכי״א :

## נאך אווינדערליכע מעשה פון רבין ר׳ נפתלי פון ראפשיץ זצ״ל :

אונ דער שטאט דוקלא איז גיוועזין זייער שטארקע ווינטין אונ אז דער רבי ר׳ נפתלי האט חתונה גיהאט פון דוקלא האט ער נישט גיקענט ליידען דיא ווינטין פון דארטין האט ער תפלה גיטאן זענין זייא שוין נישט גיוועזין אונ דער נאך איז גיוועזין פיהל שלאפקייטין אונ דער שטאט איז מען גיפארין צו דעם רבין ר׳ מענדלי פון רומינוב האט ער זייא גיזאגט אז זייא זאלין נאך צו דעם רבין ר׳ נפתלי בעוועל ער האט דאס נורם גיוועזין נוט זיין תפלה וואס ער האט גיבעטין אז דיא ווינטין זאלין אוועק נייען בעוועל דיא ווינטין האבען אוועק גיבלאזין אלע שלאפקייטין אונ אז ער האט פאר יאגט דיא ווינטין זענין דיא שלאפקייטין צוריק גיבליבין אונ שטאט :

## נָאךְ אַווינְדֶערלִיכֶע מַעֲשֶׂה פון דֶעם רֶבִּי'ן ר' נַפְתָּלִי פון רָאפְּשִׁיץ זצ"ל :

דֶער רבי ר' נפתלי פון ראָפשיץ איז איין מאָהל גיוועזין בייא זיין רבי'ן ר' אֶלימלך פון ליזענסק אונ דער רבי ר' אֶלימלך איז דאַמאָלס גיזעסין אונ גילערינט מיט זייני תלמידים האָט דער רבי ר' נפתלי דערזעהן דורך דעם פענצטער אז אַ מענטש לויפט צו דיא רבי'ן איז ער ארויס גיגאַנגין אונ ער האָט איהם גיפרעגט וואָס ווילסטו ? האָט דער מענטש גיטיינט אַז דאָס איז דער רבי ר' אֶלימלך האָט ער איהם דערציילט אַז ער איז אַרענדאַר אונ זיין פריץ וויל איהם שוין נישט האַלטין אונ ער וויל איהם איין זעצין אונ תפיסה אריין האָט דער רבי ר' נפתלי גינומען זיין שטעקין אונ ער האט זיך אהן גישפארט זיין קאָפּף אַזוי וויא דער רבי ר' אֶלימלך פלעגט מאָהן אונ ער האָט גיזאָגט עֶס זאָל איהם אויס רייסען עס זאָל איהם אויס פליקען אונ ער האָט גיזאָגט צו דעם רענדאַר ניט דיר אַהיים אונ נאָט וועט באַגליקין דיין וועג. אַונ דעם אַנדערין טאָג איז דער רענדאַר גיקומען אַבשורה זאָגין דעם רבי'ן אַז דער פריץ איז ניהאַרגית גיוואָרין מיט איין מיתה משונה אונ אַזוי וויא ער איז אריין גיקומען צו דעם רבי'ן האָט ער דערקענט אַז דאָס איז נישט גיוועזין דער רבי ר' אֶלימלך איז ער גיבליבין שטיין אונ ער האָט גאָר נישט גירעט: האָט דער רבי ר' אֶלימלך איהם גיהייסין דערציילין וואָס עֶס איז גיוועזין האָט ער איהם דערציילט דיא גאַנצע מעשה האָט דער רבי ר' אֶלימלך פאַרשטאַנין אַז דאָס איז גיוועזין ר' נפתלי האָט ער איהם גיזאָגט נפתלי דיא קענסט שוין ניט דיא קינטיץ האָט דער רבי ר' נפתלי זיך פאַרענטפערט אַז דערווייל איז ער ארויס גיגאַנגין צו דעם רענדאַר כדי דער רבי זאָל נישט דאַרפין מפסיק זיין אונ מיט לערנין מיט דיא תלמידים זי"ע ועכי"א:

---

## נָאךְ אַווינְדֶערלִיכֶע מַעֲשֶׂה פון דֶעם רֶבִּי'ן ר' נַפְתָּלִי פון רָאפְּשִׁיץ זצ"ל :

דֶער גאון ר' אברהם ליב איז אַ מאָל גיפאָרין מיט זיינע חבירים צו דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפשיץ אונ אַזוי וויא זייא זענין ארויס גיפאָרין פון דער שטאָט איז נאָךְ גילאָפין איין גרויסער הינד נאָךְ זייא אונ ער האָט גיבילט אַלאַנגי צייט האָבין זיך דיא חסידים שטאַרק פאַר וואונדערט האָט דער גאון ר' אַברהם ליב זייא גיזאָגט אַז דאָס מוז זיין איין גילגול פון איין מתנגד בעֶוונ"ל עֶס שטייט אונ ספרים אַז איין מתנגד ווערט מגולגל אונ איין הונד אונ בעֶוונ"ל מיר פאָרין יעֶצט צו איין רבי'ן דעריבער בילט ער אונ אַזוי וויא ער האָט דאָס גיזאָגט איז דער וואָגין איבער גיפאָרין אויף דעם הונדס קאָפּף אונ ער איז גיפּיינערט האָט דער גאון גיזאָגט עס ווייזט זיך אויס אַז ער האָט גיהאַט אַ תיקון. אונ אַז זייא זענין גיקומען קיין ראָפשיץ אונ זייא זענין גיגאַנגין שלום גיבין האָט

האָט דער רבי זיא געזאָגט ? יונגע לייט איהר ווייסט אַז דאָס וואָס דיא וועלט זאָגט אַז מתנגדים ווערין מגולגל אונ **אונד** דאָס איז אֶמת ? אונ אַזוי וויא זיא האָבין דאָס דער הערט האָבין זיא באַלד פאַרשטאַנין וואָס זיין מיינינג איז אַז ער האָט געזעהן מיט רוח הקודש דיא גאַנצע מעשה זיע"א :

## נאָך אַווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל :

**ווען** דער גאון הנ"ל האָט געוואָלט אהיים פאָרין האָט ער געפרעגט דעם רבי'ן מיין ווייב איז מעוברת אַ וואָסער נאָמין זאָל איך געבין דעם קינד אַז עס וועט זיין אַזכר האָט איהם דער רבי געענטפערט דאָס קינד וועט זיין איין נקבה אונ דער נאָך וועט עס זיין אַזכר אונ דיא זאָלסט איהם אַנאָמין געבין נפתלי אַזוי וויא איך הייס אונ עס איז טאַקי אַזוי געוועזין דאָס ערשטי קינד איז געוועזין אַ נקבה אונ דאָס אַנדערי איז געוועזין איין זכר אונ ער האָט איהם אַנאָמין געגעבין נפתלי אַזוי וויא דער הייליגער רבי האָט געהייסין :

## נאָך אַווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל :

**דער** רבי ר' יהושע פון בעלז האָט געזאָגט צו דעם גאון ר' יצחק פון סטיטשין מיין טאַטע האָט מיך געלערינט אַלץ וואָס ער האָט געקענט אונ אַלע סודות וואָס ער האָט מקבל געוועזין כמיא זייני רבים האָט ער מיר איבער געענטפערט חוץ פון צוויא זאַכין אויף איין זאַך האָט ער מיר געזאָגט בעט מיך וועל איך דיר זאָגין האָב איך איהם געענטפערט איך וויל דיך נישט בעטין אַז איך וועל דארפין וויסען וועל איך אַליין וויסען אונ אויף דער אַנדערער זאַך האָט ער מיר געזאָגט איך בעט דיך אַז דיא זאָלסט מיך נישט בעטין בעוויַל איך וועל דיר נישט אויס זאָגין אונ דיא ערשטי זאַך בין איך אַליין געוואָר געוואָרין אונ דאָס איז דיא זאַך איין מאָהל איז געוועזין איין מלחמה אונ איין וואַלד לעבין בעלז אונ אַז איין צד האָט געזעהן אַז דאָס אַנדערי צד שטאַרקט זיך איבער זייא האָבין זייא נישט געוואָלט אַז דער שונא זאָל צו נעמין זייער פערמעגין האָבין זייא געמאַכט איין גרויסען גריב אונ זייא האָבין באַהאַלטין זייער פערמעגין אונ דעם גרוב אונ איך בין שוין עטליכע מאָהל געפאָרין דורך דעם וואַלד אונ איך בין געשטאַנין אויף דעם אָרט אונ איך וויל נישט אויס זאָגין קיין שום מענטש . אונ דאָס וואָס דער טאַטע האָט מיר געזאָגט אויף דער אַנדערער זאַך אַז ער וועט מיר נישט אויס זאָגין האָט ער מיר דער ציילט דיא ווערטער אונ דעם ווינטער פון דעם יאָר תקפ"ז איז דער רבי ר' נפתלי פון ראָפּשיץ געוועזין אויף איין שבת אונ דער שטאָט ראָווע האָט מיין

מיין פאטער געשיקט זיינע צוויא זוהן קיין ראפשיץ אויף שבת צוא דעם רבי'ן ר' נפתלי אונ דער רבי האט זייא שטארק מקרב געוועזין אונ ער האט זייא געזאגט איך האב גימיינט אז אייער פאטער וועט אויך קומען צו מיר איך וואלט גערין זיך צו זעהן מיט איהם אונ ווען איך זאל וויסען אז ער וועט קומען וואלט איך דא געוועזן נאך איין שבת. אום זונטאג זענין זייא אהיים גיפארין אונ זייא האבין דערציילט זייער פאטער וואס דער רבי האט געזאגט האט זייער פאטער געזאגט אז ער וועט פארין איז ער דינסטאג ארוים גיפארין פון בעלז אונ בעוהי"ר ער איז געוועזין איין שלאפער מענטש האט ער גימוזט רוהען אונ יעדער שטאט וויא ער איז דורך גיפארין אונ פון יעדער שטאט זענין מיט איהם גיפארין פיהל מענטשין אונ אום פרייטאג איז ער גיקומען קיין ראפשיץ מיט דרייא הונדערט מענטשין אונ וויא עס איז גיקומען צו מנחה האט דער רבי איהם מכבד געוועזין אז ער זאל דאווינען מנחה האט ער גידאווינט אונ נאך מנחה האט דער רבי איהם געזאגט בעלזער רב נעמט אייך אייערע מענטשין אונ גייט דאווינען אין דעם אנדערין בית המדרש אריין האט זיך דער בעלזער רב גימאכט גלייך וויא ער הערט ניט האט איהם דער רבי געזאגט נאך אמאהל אונ ער האט זיך ווייטער גימאכט וויא ער הערט נישט האט ער איהם געזאגט דאס דריטע מאהל האט ער זיך ווייטער גימאכט גלייך ער הערט נישט האט ער איהם שוין מיין נישט געזאגט אונ דער רבי האט אליין גידאווינט פאר דעם עמוד אונ מיין פאטער דער בעלזער רב האט מיר געזאגט מיין קינד דיא ווייסט פאר וואס דער רבי האט נישט געוואלט אז איך זאל זיין אונ זיין בית המדרש ביי קבלת שבת דאס איז בעוועל דער רבי האט געזאגט נאך מזמור שיר ליום השבת איין קדיש אזוי וויא זרובבל בן שאלתיאל וועט זאגין ווען משיח וועט קומען אונ ער האט גיוויסט אז איך האב איין גיטען קאפף וועל איך דענו קדיש באלד איבער נעמין דערוועגין האט ער מיך גיהייסין גיין אונ דעם אנדערין בית המדרש אריין אבער איך האב פארשטאנין זיין מיינונג האב איך מיך גימאכט גלייך וויא איך הער נישט אונ איך האב דעם קדיש באלד איבער גינומען אונ אום זונטאג אז איך בין גיגאנגין מיך געזעגינען מיט איהם האט ער מיר געזאגט בעלזער רב איך בין געוועזין ביא דעם רבי'ן פון אפטא אידער ער איז נפטר געווארין האט ער מיר געזאגט ראפשיצער רב איך האלט שוין ביא אוועק גיין פון דער וועלט קימט אונ איין באזונדער חדר וועל איך אייך איבער ענטפערין אלע סודות וואס איך האב מקבל געוועזין פון מיינע רבים איז ער מיט מיר גיגאנגין אונ איין באזונדער חדר אונ ער האט מיר אנפלעקט גרויסע סודות ע"ב וויל איך זייא אייך איבער ענטפערין האט ער מיך אויך גינומען אונ איין באזונדער חדר אונ ער האט זייא מיר אנפלעקט אויף דער זאך בעט איך דיך אז דיא זאלסט מיך נישט בעטין אז איך זאל זייא דיר אנפלעקין בעוועל איך וועל דיר נישט אנפלעקין דיא סודות. אונ וועם איינינים יאר וואס דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ האט דיא סודות אנפלעקט צו דעם בעלזער רב איז ער נפטר געווארין:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

איין מאהל האָט דער רבי ר' נפתלי פון ראָפשיץ אָב גירעכט חצות אונ דעם בית המדרש אונ ער האָט פארגעסין צו פאר שליסין דיא טור איז ארײן גיקומען איין בעל הבית האָט ער זיך באלד אויף גיהויבין פון דער ערד כדי דער בעל הבית זאָל נישט וויסען אז ער רעכט אָב חצות אונ בעווײל ער האָט זיך גיוואַ"ט פארבאָרגין פון איהם האָט ער איהם גיזאָגט איר ווײסט אז דיא בעלי בתים ווײסין נישט פון מײן גרויסקײט ווען זײא זאָלין וויסען וואָלטין זײא זיך נישט גיקרינט מיט מיר האָט דער בעל הבית גימײנט אז ער ריימט זיך מיט זײן גרויסקײט איז ער ארויס גיגאנגין אונ ער האָט איהם גישענד:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

דער קאמינקער רב איז גיוועזין איין תלמיד בײא דעם צדיק ר' נפתלי פון ראָפשיץ אונ נאָך זײן רבינס פטירה איז ער גיפאָרין צו דעם צדיק ר' שלום פון בעלז איין מאָל האָט דער צדיק פון בעלז גיזאָגט צו אים אז ער וועט אים אנפלעקין איין סוד וואָס ער האָט זיך אָהן גיברײט אויף דעם טאָג פון זײן פטירה אונ ער האָט איהם דעם סוד אנפלעקט אונ נאָך דעם וואָס ער האָט איהם אנפלעקט דעם סוד האָט איהם דיא דביצין גיפרעגט אויב ער האָט גיהערט אזוי איין סוד פון זײן רבי'ן פון ראָפשיץ האָט ער איהר גיענטפערט אז ער איז א מאָהל גיוועזין ערב פסח אונ ראָפשיץ אונ ער מיט זײן חבר ר' חיים פון צאנז זענין גיוועזין אונ קעך אונ זײא האָבין אָהן גיברײט אויף פסח איז ארײן גיקומען צו זײא אונ קעך ארײן דער רבי ר' נפתלי אונ ער האָט זײא איין גיראָטט דעם סוד:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

דער רב פון אילינוב איז גיוועזין דעם ראָפשיצערס א תלמיד איין מאָל אונ שמחת תורה האָבין דיא חסידים פון דעם ראָפשיצער גיטאנצט אויף זײן הויף אונ דער רבי איז געשטאנין אונ שטוב אונ ער האָט ארוים גיקיקט דורך דעם פענצטער פליצלונג האָט דער רבי גימאכט מיט זײן האנד אז מען זאָל אויף הערין צו טאנצין אונ ער איז א ביסיל געשטאנין אונ גיקלערט אונ ער האָט גיזאָגט אויב איין זעלנער פאלט אין דער מלחמה דארפין דען דיא רעשט זעלנער שוין אנטלויפין נײן דיא מלחמה דארף זיך פירין ווײטער אונ ער האָט גיהײסין ווײטער טאנצין

דער

דער נאך איז מען גיוואר גיווארן אז אונ דער רבע איז נפטר גיווארן זיין תלמיד דער רב פון אוליקא זללה"ה זי"ע ועכי"א :

## נאך אווינדערליכע מעשה פון רבין ר׳ נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל :

**דער** רבי ר׳ נפתלי פון ראפשיץ איז שטענדיג ביי גיוועזין אויף דעם צדיק ר׳ צבי אייזיק פון דינוב זצ"ל איין מאל האט ער גיזאגט פאר וואס ער איז ביי אויף איהם בעוויל ער האט גיהערט איין כרוז אויף דעם הימעל אז דער צדיק ר׳ צבי אייזיק פון דינוב זאל זיין רבי פינעף אונ צוואנציג יאר איז ער ביי אויף איהם פאר וואס ער איז שוין גיווארן רבי ער וואלט בעדארפין ווארטין ביז ער וועט אלט ווערין וואלט ער דאך גילעבט נאך פינעף אונ צוואנציג יאהר אונ אז דער צדיק ר׳ צבי אייזיק פון דינוב איז נפטר גיווארן האבין דיא חסידים איבער גירעכינט האבין זייא גיפינען אז ער איז גיוועזין רבי פינעף אונ צוואנציג יאהר :

## נאך צ-ינדערליכע מעשה פון רבי"ן ר׳ נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל :

**דער** רבי ר׳ נפתלי פון ראפשיץ איז איין מאל גישטאנין אום ערב יום כפור אונ מארק אונ ער האט גיוואלט קויפין ביי א איין כריסטין רעטיך אונ ער האט איהר גיוואלט איין מאכין איין בינטעל רעטיך זיא האט גיזאגט אז זיא האט פערצין בינטליך אונ ער האט גיזאגט אז עס איז מיין גישט דא נאר דרייצען בינטליך אזוי האבין זייא זיך גישפארט א לאנגע צייט דער נאך האט ער גיזאגט רבש"ע איך וויל אונ זיא וויל נישט וואס קען איך טאהן איז ער גינאנגין אונ שוהל אריין אונ האט אהן גיהויבין זאגין כ-ל נדרי :

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי"ן ר׳ נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל :

**איין** מאהל איז גיקומען איין פרויא פאר דעם צדיק פון ראפשיץ אונ זיא האט גיהאלטין איהר קינד אויף דער האנד אונ זיא האט גיוויינט פאר איהם אז איהר קינד איז שלאף אויף דער שלאפקייט אבצעהרינג האט דער צדיק גיזאגט דיזע ווערטער : איך האב אפילו פיינט צו זאגין נאר איך מיז זאגין דאס קינד איז גישט אוים געלייזט גיווארן האט דיא פרויא מודה גיוועזין אז עס איז טאקי נישט אוים גילייזט גיווארן אונ דיא חסידים האבין

האָבין זיא גיפרעגט פון וואַנין זיא
איז האָט זיא גיזאָגט אַז זיא וואונט
פערציג מייל פון ראָפשיץ האָבין זייא
פאַרשטאַנין אַז דער רוני האָט
גיזעהן מיט רוח הקודש זי"ע
ועכי"א :

## נאָך אַוינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפשיץ זצ"ל

איין מאָל איז גיוועזין דער גאון
וואָס ער האָט מחבר גיוועזין
דאָס ספר רביד הזהב אויף סוכות
אונ ראָפשיץ אונ דער גאון האָט
דאַמאָלס גיהאַט איין מכה אויף זיין
פוס איז ער גיזעסין לעבין דעם אויבין
בעווייל ער האָט מורא גיהאַט טאָמער
וועט מען איהם שטופין אום הושענה
רבה איז גישטאַנין לעבין איהם איין
חסיד אונ אַז ער האָט אויס גיקלאַפט
דיא הושענה האָט ער אום גערין
גיטראָפין דעם גאון איין קלאַפ אונ
זיין פוס אַריין איז דער גאון גיפאַלין
צו דער ערד אונ ער איז פאַר חלישת
גיוואָרין אונ דער רבי איז דאַמאָלס
גישטאַנין בייא דעם עמוד אונ זיין
פנים איז גיוועזין צו מזרח זייט אונ
דער רגע וואָס דער גאון האָט אָנגיהויבין צו חלישין האָט דער רבי
באַלד דער פיהלט אונ ער איז צו
גיגאַנגין צו איהם אונ ער האָט איהם
גיזאָגט ישראל בער לעב עס טוט
דיר זעכער וויא קום זשע אַריין מיט
מיר אונ שטוב אַריין וועסט דיא דיר
אונטער לעגין דיין האַרץ מיט אַ
ביסיל בראָנפין אונ איין קיכעל :

## נאָך אַוינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפשיץ זצ"ל :

דער גאון דער רביד הזהב
ווען ער האָט נאָך גיגעסין קעסט
בייא זיין שווער האָט ער גיהאַט איין
זכר דער חבר האָט אויך דאַמאָלס
גיגעסין קעסט אונ דיא צווייא חבירים
האָבין זיך שטאַרק ליב גיהאַט איינער
דעם אַנדערין אונ זייא זענין שטענדיג
גיפאָרין באַנאַנד קיין ראָפשיץ אונ זייא
זענין שטענדיג גיזעסין בייא דעם רבינס
טיש באַנאַנד אונ דער רבי פון ראָפשיץ
פלעגט טיילען קלייני חלות בייא דעם
טיש אונ צו דיא צווייא חברים האָט
ער שטענדיג גיגעבין צווייא קלייני
חלות וואָס זייא זענין גיוועזין צו
גיקלעפט באַנאַנד איין מאָל איז דיא
צווייא חבירים איין גיגאַנגין איין שנאה
אונ זייערע הערצער איינים אויף דעם
אַנדערין אונ זייא האָבין נישט גיוויסט
פאַר וואָס דאָס איז אונ אַז דער רבי
האָט גיטיילט דיא קלייני חלות האָט
ער גינומען צווייא קלייני חלות וואָס
זייא זענין גיוועזין באַהעפט אונ ער
האָט זייא צינומין אונ האָט גיגעבין
דעם איין חלה אונ דעם איין חלה אונ
נאָך דעם טיש זענין זייא אהיים
גיגאַנגין אונ זייא האָבין אָהן גיהויבין
צו קלערין אונ דעם אונ זייא האָבין
גיזאָגט איינער צו דעם אַנדערין וואָס
האָט

האָט דער רבי אינז הײַנט גיטאָן וואָס ער האָט צו נומין דיא חלות אונ האָט אונז גינעבין דאָס איז זעלבער דורך דער שנאה וואָס מיר האָבין אײַנער אויף דעם צווײַטין . האָבין זײַא זיך באַגעטין אונ זײַא האָבין נישיקט נאָך בראָנפין אונ זײַא האָבין גיטרינקין לחיים אונ זײַא האָבין זיך ליבער גיקריגין מײַן וויא פריער אונ דאָס איז גיוועזין פרײַטאג צו נאַכט אונ שבת בײַא טאָג אַז זײַא זענין גיזעסין בײַא דעם טיש האָט ער זײַא שוין גינעבין צווײַא קלײַני חלות וואָס זײַא זענין גיוועזין באַהעלפט אַזוי וויא דער פֿער ראַטאָלם האָבין זײַא גיזעהן אַז ער זעהט אַלץ מיט זײַן רוח הקודש

## נאָך אַווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' אליטלך פֿון ליזענסק האָט זיך נוהג גיוועזין ער האָט גידאַווינט מעריב אונ אײַן באַזונדער חדר אונ דער רבי ר' נפתלי פון ראָפּשיץ איז גיוועזין זײַן תלמוד אונ ער האָט שטענדיג גיוואָלט זעהן וויא אַזוי זײַן רבי דאַווינט מעריב אײַן מאָל האָט ער זיך אַרײַן גינאַנבית אונ דעם חדר אַרײַן אונ ער האָט זיך באַהאַלטין אינטער דעם בעט אונ וויא עס איז גיקומען צו מעריב איז דער רבי ר' אלימלך אַרײַן גיקומען אונ דעם חדר אַרײַן אונ ער האָט פאַרשלאָסין דיא טוהר אונ האָט זיך גינימען דיא גאַרטיל זיך אַרום צו גאַרטלין אונ אַזוי וויא ער האָט זיך אַרום גיגאַרטילט דיא ערשטי מאָל איז דאָס חדר גיוואָרין פֿול מיט לעכטיקײַט אונ אַז ער האָט זיך אַרום גיגאַרטילט דאָס אַנדערי מאָל איז נאָך מײַן לעכטיגער גיוואָרין האָט דער רבי ר' נפתלי שוין ניט גיקענט אויס האַלטין אונ ער האָט אָהן גיהויבין צו חלישין אונ ער האָט שטאַרק גישריגין איז צו גיגאַנגין דער רבי צו איהם אונ ער האָט איהם גיזאָגט? נפתלי דיא ביסט דאָ נײַא שוין אַרויס אונ אויב דיא וועסט דאָ זײַן ווען איך וועל מיר אַרום גאַרטלין דאָס דריטע מאָל וועט דיר דײַן נשמה אויס גײַן פון גרויס ליכטיקײַט:

## נאָך אַווינדערליכע מעשה פון דעם צדיק ר' נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל:

ווען דער ערשטער נאַפּאָליאָן האָט מלחמה גיהאַלטין מיט רוסין האָט דער רבי ר' מענדלי פון רימנוב תפלה גיטאָן אַז נאַפּאָליאָן זאָל אײַן נעמין דיא מלחמה אָבער דער מגיד פון קאָזניץ אונ דער רבי פון לובלין האָבין תפלה גיטאָן אַז רוסין זאָל אײַן נעמין דיא מלחמה אונ דער רבי ר' נפתלי האָט נאָך דאַמאָלס גיוועסין קעסט בײַא זײַן שווער אונ דוקלא אונ ער האָט אויך תפלה גיטאָן אַז רוסין זאָל אײַן נעמין איז ער גיפאָרין קײַן

קיין רומינוב און ער איז געקומען צו ר׳ מענדעלען אום ערב פסח און דער רבי ר׳ מענדלי איז דאמאלס געשטאנען און האט דער לאנגט די מצות און אויבן ארויף און אלע מאל האט ער געזאגט נאך פינעף הונדערט רוסישע זאלין פאלין און דער מלחמה בעוועל און דעם טאג איז געוועזין איין גרויסע מלחמה און עס איז אזוי געוועזין און דער מלחמה אזוי וויא ער האט געזאגט פליצלינג איז ארויין געקומען דער רבי ר׳ נפתלי און ער האט איהם געזאגט רבי נאפאליאן איז דאך איין טמא און איין טמא ווערט דאך נדחה אויף פסח שני און ער איז באלד אנטלאפין ארויס האט דער רבי ר׳ מענדלי איהם געהייסין חאפין אבער זייא האבין איהם שוין נישט געפינען בעווייל ער איז באלד אוועק געפארין אויף זיין וואגין אונס ער האט זיך אהן געבריימט קיין דוקלא צו זיין שווער. און נאך פסח איז ער געפארין קיין קאזניץ צו דעם מגיד אז דער מגיד זאל אויף איהם באשיצין אז ר׳ מענדלי זאל איהם נישט קאנין מעניש זיין און דער מגיד פלעגט שטענדיג ליגין און איין בעט בעווייל ער איז געוועזין איין שלאפער מענטש און ווען דער רבי ר׳ נפתלי איז געקומען איז פונקט דער מגיד געוועזין און מקוה האט זיך דער רבי ר׳ נפתלי ארויין געלייגט און דעם מגידס בעט ארויין. און אז דער מגיד איז געקומען פון דער מקוה און ער האט געוואלט זיך אביסיל לייגין האט איהם דער רבי ר׳ נפתלי געזאגט אז ער וועט איהם נישט לאזין זיך לייגין צייטין ער וועט איהם צו זאגין אז ער וועט באשיצען אויף איהם פאר ר׳ מענדלין האט איהם דער מגיד צו געזאגט איז ער דאמאלס הערשט ארויס געגאנגין פון דעם בעט:

# נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי׳ן ר׳ נפתלי פון ראפשיץ זצ״ל:

דער גביר ר׳ משה פאלאנטשער סים זיין זוהן ר׳ מענדיל זענין איין מאל ארויין געקוממען צו דעם רבי׳ן ר׳ מענדעלי פון רימינוב האבין זייא דארטין געטראפין דעם רבי׳ן ר׳ נפתלי פון ראפשיץ און אזוי וויא זייא זענין ארויין געקומען האט דער ראפשיצער אויף געהערט פון זיין ריידין און אז זייא זענין ארויס געגאנגין האט ער זייא געזאגט עס איז מיר זייער אשאד וואס איך האב דורך אייך אויף געהערט צו ריידין מיט דעם רבי׳ן בעוועל איך האב איהם געוואלט פרעגין וואס עס וועט זיין און פיפציג יאר ארום און דער רבי ר׳ מענדיל האט געזאגט אוף זיין עלטער אז פיפציג יאר נאך דעם איז געוועזין דיא מלחמה פון דעם אנדערין נאפאליאן:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' נפתלי איז איין מאל געוועזין בייא זיין רבי'ן אום יום כפור אונ ער איז געשטאנין שמונה עשרה איין געבויגין איז געשטאנין אונטער איהם איין מענטש אונ האט ארויף געלייגט זיין סידור אויף איהם אונ ער האט געזאגט על חטא אונ נאך דער שמונה עשרה האט ער געזאגט צו דעם מענטש דיא האסט געזינדיגט אונ דיא זאגסט אויף מיר :

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ איז איין מאל אום ערב יום כפור געזעסין אונ שטארק געוויינט איז אריין געגאנגען זיין זוהן צו איהם אונ ער האט איהם געפרעגט פאר וואס ער וויינט אזוי האט ער איהם געענטפערט מיין קינד איך שעם מיך זייער פאר גאט אריין צו גיין דאווינען בעוונו"ה איך האב אלע יאר צו געזאגט דעם אייבערשטין אז אונ דיא ימים נוראים וועל איך שוין תשובה טאן אונ צום סוף האב איך נישט תשובה געטאן האט איהם זיין זוהן געענטפערט איך זאג דיר צו אז דיא וועסט שוין דעם יום כפור תשובה טאן האט ער איהם געענטפערט אז דיא זאגסט מיר צו גלייב איך דיר אונ ער איז געגאנגען מיט איהם צו דעם טיש ער זאל עסין דיא סעודה המפסקת אונ נאך דער סעודה האט ער געטרינקען וואסער מיט צוקער אונ ער האט זיך באהאלטין איין שטיקיל צוקער אויף מוצאי יום כפור אונ זיינע ווייסע פלידערין אונ יום כפור בייא נאכט האט ער אייני געדאווינט פאר דעם עמוד אונ דורך דער היטץ איז צו גאנגען דער צוקער אונ עס איז געווארין איין פלעק אויף זיינע פלידערין אונ דער פריא האט ער דערזעהן דעם פלעק אויף זיינע פלידערין האט ער געמיינט אז עס האט איהם געטראפין איין מקוה ר"ל האט ער געזאגט צו זיין זוהן איך האב מיך פארזיכערט אויף דיר ווער וואס עס האט מיך געטראפין אונ ער האט א גאנצין טאג שטארק געוויינט ביז דער גאנצער עולם האבין אויך געוויינט אונ זייא האבין אלע תשובה געטאן אונ מוצאי יום כפור האט ער געזיכט דעם צוקער אונ זייני פלידערין אונ ער האט איהם נישט געפונען האט ער הערשט פארשטאנין אז ער האט זיך אום זוסט חושד געוועזין בעוונו"ה דער פלעק איז געוועזין פון דעם צוקער :

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל :

איין מאל האט דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ געזאגט צו דעם רבי'ן ר' יודא צבי פון ראזדאל אז עטליכע יאר ארום וועט דיא זיין איין

איין רבי אונ דיא וועסט בענטשין דיא יודין ע״כ בעט איך דיך אז דיא זאלסט אהן הייבין ביא מיר אונ דיא זאלסט מיך בענטשין צום ערשטין האט ער נישט גיוואלט איהם בענטשין האט איהם דער ראפשיצער גיזאגט ווען איך בין גיוועזין ביא דעם צדיק פון ברדיטשוב האט ער מיר אויך גיזאגט דיא וועסט אמאהל זיין א רבי אונ דיא וועסט בענטשין דיא יודין בעט איך דיך אז דיא זאלסט אהן הייבין ביא מיר האב איך נישט גיוואלט אונ איך האב נאך היינט חרטה אויף דעם זעה זשע דיא אויך אז דיא זאלסט נישט חרטה האבין האט דער צדיק פון ראדזול ארויף גילייגט זיינע הענד אויף זיין קאפף אונ האט איהם גיבענטשט :

## נאך אוויגדערליכע מעשה וואס דער רבי ר׳ נפתלי האט ערציילט :

דער רבי ר׳ בונם פון פרשיסחא האט איין מאל גיזאגט צו דעם רבי׳ן ר׳ מנחם מענדיל פון קאצק אויב מען וועט מיך הייסין נעמן אונ דעם גיהנם אריין וואס זאל איך דאמאלס טאן ? האט ער איהם נאר נישט גיענטפערט האט דער רבי ר׳ בונם דער נאך אליין גיזאגט איך וועל מיר הייסין מיט געבין מיינע רבי׳ס דעם רבי׳ן פון לובלין אונ דעם יהודי הקדוש בעוויל ויא גמרא זאגט אז מען פארטרייבט איין תלמיד דארף מען מיט איהם פארטרייבען זיין רבי׳ן . האט זיך צוא איהם אן גירופין דער רבי פון קאצק אונ ער האט איהם אזוי גיזאגט איך איז דאס נישט קיין נפקא מינה אבער מיר וועט עס צוא ניץ קומען :

## נאך אוויגדערליכע מעשה וואס דער רבי ר׳ נפתלי האט ערציילט :

דער רבי פון לובלין האט דער ציילט היינט האט מען גיבראכט צום דין איין בעל עבירה אונ מען האט איהם גיפרעגט אפשר האסט דיא איין מענטש אז ער זאל אויף דיר לערנין א זכות האט ער גיזאגט אז דער רבי פון לובלין קען איהם האט מען מיך גיפרעגט האב איך גיזאגט אז איך קען איהם נישט האט ער גיזאגט אז ער גידענקט נאך דיא תורה וואס איך האב דאמאלס גיזאגט ביא דעם טיש אונ ער האט מיר גיזאגט דיא תורה אונ דיא מעשה איז אזוי גיוועזין ער איז גיוועזין איין בעל עגלה אונ ער איז גיפארין קיין לובלין מיט חסידים אונ שבת ביא שלוש סעודות איז ער אביסיל אריין גינאנגין אונ מיין בית המדרש אריין אונ ער האט גיהערט מיין תורה וואס איך האב גיזאגט האב איך איהם נימיזט איין טובה טוהן דארפין :

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

איין מאל האט דער רבי ר' מענדילע גיזאגט צו דעם רבי'ן ר' נפתלי דיין פנים איז איין גישטאלט פון איין נבלה אפשר איז דא איין שלעכטער שוחט ביי אייך אונ שטאט האט ער איהם גיענטפערט דער שוחט איז ניט האט איהם דער רבי ר' מענדילע ווייטער גיזאגט אפשר איז דא איין שלעכטער שוחט אונ איין דארף לעבין אייער שטאט האט דער רבי ר' נפתלי אהן גיהויבין צו שרייאין אונ ער האט גיזאגט בין איך דען איין ערב פאר דיא שוחטים פון דיא דערפער האט איהם דער רבי ר' מענדילע אהן גיהויבין איבער צו בעטין האט ער זיך נישט גיוואלט באבעטין דער ווייל איז אריין גיקומען איין פרויא מיט איין שלאף קינד האט דער רבי צו איהם גיזאגט אז ער זאל דאס קינד בענטשין האט דער ראפשיצער צו איהם גיזאגט דער וואס ער האט איין גישטאלט פון איין נבלה טאר נישט בענטשין האט דער רבי גיזאגט צו איהם אז דאס איז איין פיקוח נפש בעווייל עס קען קיינער נישט העלפין נאר אחוץ וואס איהר דאמאלס האט ער הערשט דאס קינד גיבענטשט:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

דער רבי פון לובלין האט איין מאל גיזאגט צו דעם רבי'ן ר' נפתלי אז איר וועט נישט זאגין אנאנץ יאר קיין גלייכווערטיל וועט איר זיין אזוי וויא איך האט דער רבי ר' נפתלי גיזאגט צו איהם אז איהר וועט נישט שטיין אזוי לאנג שמונה עשרה וועל איך נישט זאגין קיין גלייכווערטיל דער נאך זענין זייא גיגאנגין דאווינען אונ דעם בית המדרש אריין אונ וויא עס איז גיקומען צו שמונה עשרה איז דער רבי לאנג געשטאנין אונ אזוי וויא ער האט זיך אוים גיריקט האט ער גיזעהן וויא דער גאנצער עולם לאכט אונ עס רינט זייא אלע פון דיא נעז ווענין גילעכטער האט ער פארשטאנין אז דער ראפשיצער האט גיזאגט איין גלייך ווערטיל האט ער איהם גירופין אונ ער האט איהם גיזאגט מיר האבין דאך עפיס גישמועסט אז דיא זאלסט נישט זאגין קיין גלייך ווערטיל האט ער איהם גיענטפערט איך האב דאך אייך גיזאגט אז איהר וועט שטיין לאנג דיא שמונה עשרה וועל איך זאגין בעווייל איך האב נישט וואס רער ווייל צו טאהן, זי"ע אמן:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ האט ליב גיהאט צו זאגין ווערטליך איין מאל איז ער ארוים גיגאנגין אונ דעם בית הכסא אריין ווען ער איז גיוועזין

צװױשן אונ לובלין בײַא דעם רבי׳ן אונ ער האָט פֿאַרגעסין דעם שליסיל פֿון זײַן קעסטיל װאָס ער האָט דאַרינין גיהאַט זײַן געלד איז ער באַלד אַרײַן גיקומען אונ ער האָט זיך גינומען דעם שליסיל אונ ער האָט גיזאָגט אַז דעריבער נעמט ער זיך מיט דעם שליסיל בעװײַל ער האָט מורא גיהאַט טאָמער װעט איהם דער רבי באַגנבינען :

## נאָך אַװינדערליכע מעשה פֿון רבי׳ן ר׳ נפתלי פֿון ראָפּשיץ זצ״ל :

דער רבי ר׳ נפתלי פֿון ראָפּשיץ איז גיװעזין אונ לובלין אונ דעם טאָג װאָס דער רבי איז נפטר גיװאָרין אונ דאַמאָלס איז גיװאָרין אײַן מחלוקת צװישין דיא חסידים אונ צװישין דיא מתנגדים װעגין דער קרקע האָט זיך דער רבי ר׳ נפתלי גימאַכט אַזוי װיא אײַן מתנגד אונ ער האָט גיזאָגט צוא דיא מתנגדים איך האָב גימיזט פֿאָרין צוא דעם רבי׳ן בעװײַל איך האָב מורא גיהאַט פֿאַר דיא חסידים װאָס זײַא זענין שקצים . אונ אַזוי װיא זײַא האָבין גיהערט אַז ער איז אײַן מתנגד האָבין זײַא איהם אױס גיקליבין אונ דעם אײַזערנים קאָפּ ודאָס איז דער רב פֿון לובלין) אַז זײַא זאָלין אױס קלױבין אײַן קרקע פֿון דעם רבינ׳ס װעגין אונ זײַא זענין בײַדע גינאַנגין אױף דעם בית הקברות אונ דער ראָפּשיצער האָט זיך מיט גינומען אײַן רידעל אונ בײַא יעדער קבר האָט ער איהם גיפרעגט צו זאָל איך דאָ אױס נעמין אײַן קבר פֿון דעם רבינ׳ס װעגין האָט ער איהם אַלע מאָל גיענטפֿערט נײַן ביז זײַא זענין צו גיקומען צו דעם קבר פֿון דעם צדיק ר׳ שכנא אונ דער אײַזערנער קאָפּ האָט נישט גיװיסט אַז דאָרט איז דאָס קבר פֿון דעם צדיק האָט איהם דער ראָפּשיצער גיפֿרעגט צו זאָל איך דאָ אױס נעמין האָט ער גיזאָגט יאָה האָט דער ראָפּשיצער אָהן גיהױבין צו גראָבין דער װײַל האָט דער רב דער אײַזערנער קאָפּ דער זעהן אױף דער מצבה אַז דאָרטין איז דאָס קבר פֿון דעם צדיק ר׳ שכנא האָט ער גיזאָגט צוא דעם ראָפּשיצער אַז ער זאָל אױף הערין צו גראָבין בעװײַל ער האָט נישט גיװאָלט אַז דער רבי זאָל ליגין לעבין דעם צדיק ר׳ שכנא האָט דער ראָפּשיצער נישט גיװאָלט אױף הערין אָט האָט אָהן גיהױבין געבער צו גראָבין אונ ער האָט גיזאָגט אַז ער װעט זיך מוסר נפש זײַן װעגין דעם :

## נאָך אַװינדערליכע מעשה פֿון רבי׳ן ר׳ נפתלי פֿון ראָפּשיץ זצ״ל :

אײן מאָל איז דער רבי ר׳ נפתלי פֿון ראָפּשיץ גיקומען קײַן דעמביץ האָט ער גישיקט מען זאָל רופֿין אַלע בעלי בתים אונ אַלע קינדער אַז דער

דער שטאט און ער האט געמאכט איין גרויסע סעודה און ער האט אליין געטיילט די קינדער ווין און ער האט געזאגט דיא מלאכים האבן נישט געקענט מעיז פנים זיין קענען משה רבינו ווען ער איז ארויף געגאנגען אויף דעם הימעל נעמען דיא תורה בעוועל זייא האבן א מאל געגעסען בייא זיין זיידע אברהם אבינו ע"ה און איהר זאלט וויסען אז איינער פון מיינע קינדער וועט דא זיין רב און דורך דעם וואס איהר עסט פון מיין סעודה וועט איהר נישט קענען מעיז פניו זיין קענען איהם און ער האט גיזאגט צו איין קינד וואס ער האט גיהייסען שניאור און צו נאך צווייא קינדער איהר זאלט דאס געדענקען און אז דיא קינדער זענען גרויס גיווארען זענען זייא גיווארען דיא חשובע לייט פון דער שטאט און עס איז דאמאלס גיוועזען דעם רבי ר' נפתלי'ס איין אייניקיל דארטין רב און ער האט גיהייסען ר' ראובן הורוויץ :

נאך אווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' נפתלי האט גיהאט איין זוהן וואס ער איז גיוועזין רבי און דער שטאט דזיקוב ער האט גיהייסען ר' אליעזר איין מאל אום חול המועד סוכות איז צו איהם גיפארין זיינס אחסיד פון דער שטאט ראזווידאוו און ער איז דורך גיפארין דורך דער שטאט פרימישלאן איז ער אריין גיגאנגין צו דעם צדיק ר' מאיר'יל פון פרימישלאן האט איהם דער צדיק גיפרעגט פון וואנין ביסטו דיא האט ער גיענטפערט פון ראזווידאוו האט איהם דער צדיק גיפרעגט וויא פארסטו האט ער איהם גיענטפערט קיין דזיקוב צו דעם רבי'ן ר' אליעזר האט דער צדיק גיזאגט. לייזעריל ! ער איז א גרויסער צדיק. בעוועל ווען איך קום ארויף אויף דעם הימעל טרעף איך איהם שטענדיג דארטין זיצען :

נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל :

מען האט אמאל גיבראכט פאר דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ איין שאלה אויף איין עוף האט ער גיפסקנת אז עס איז כשר האבין זיינע תלמידים זיך גישפארט מיט איהם און זייא האבין גיזאגט אז עס איז טרפה אבער ער האט זייא גיבראכט ראיות אז עס איז כשר דערווייל איז אריין גיקומען איין מענטש מיט איין קויטיל און דעם קויטיל איז בעשטאנגין אז ער זאל האבין איין רפואה פון דער און דער שלאפקייט האט איהם דער צדיק גיזאגט עס איז הערשט גיקומען פאר מיר איין שאלה אויף איין עוף וואס עס האט אויך גיהאט און זיך דיא שלאפקייט האב איך דאס

דאָס עוף כשר גימאַכט בעוועל מען קען דאָס שלאַפקייט אוים הײלין אַזוי וועסט דיא אויך גיהײלט ווערין פון דעם שלאַפקייט :

## נאָך אַוואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' נפתלי האָט אויף דער עלטער אויף גיהערט צו רײדין און ער איז גיוועזין אַזוי וויא אַשטימער און עס האָט קײנער נישט גיוויסט וואָס עס איז איהם גישעהן איין מאָל איז אַרײן גיגאַנגין צו איהם זיין זוהן ר' אברהם חיים און ער האָט איהם גיזאָגט מיין טײערער פאָטער מיר ווייזט אוים אַז דיא קענסט רײדין נאָר דיא ווילסט נישט רײדין דעריבער בעט איך דיך אַז דיא זאָלסט מיר זאָגין פאַר וואָס דיא ווילסט נישט רײדין האָט איהם דער צדיק גיענטפערט מיין קינד פון זינט איך בין גיקומען צו מיין שכל האָב איך נישט גירעט קײן שום וואָרט אָהן גרויסע כוונות און הײנט בין איך שוין אויף מיין עלטער קען איך נית רײדין מיט קײן כוונות האָב איך מיר גיטראַכט אַז עס איז גלײכער אַז איך זאָל אויף הערין צו רײדין אײדער איך זאָל רײדין אָהן כוונות :

## נאָך אַוואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' צבי הירש פון זידיטשוב איז איין מאָל שטאַרק שלאַף גיוואָרין און אַז ער איז גיזונד גיוואָרין האָט ער גיזאָגט אַז דרײא צדיקים האָבין גיבעטין פאַר דעם בית דין של מעלה אַז ער זאָל גיזונד ווערין איינער איז גיוועזין דער צדיק ר' אַברהם יהושע העשיל פון אַפּטא און דער צווײטער איז גיוועזין דער רבי ר' נפתלי פון ראָפּשיץ און דער דריטער איז גיוועזין דער צדיק ר' פון דער שטאָט אוהל זיע"א

## נאָך אַוואונדערליכע מעשה וואָס דער רבי ר' נפתלי האָט ערצײלט :

דער רבי ר' שמואל שמעלקי הלוי הורוויץ האָט איין מאָל מתיר גיוועזין איין עגונה און דיא גדולי הדור האָבין מיט איהם מסכים גיוועזין און דער נאָך איז ער גיוואָר גיוואָרין פון הימעל אַז איהר מאַן לעבט נאָך האָט ער גיזאָגט דער עגונה אַז זיא טאָר נישט חתונה האָבין און דיא גדולי הדור האָבין זיך אַנטקעגין גישטעלט קעגין איהם און זײא האָבין גיזאָגט אַז זיא מעג חתונה האָבין און דיא עגונה האָט חתונה גיהאַט און דער

רבי ר׳ שמואל שמעלקי איז פאר גרוים טרויריקייט נפטר גיווארין אונ ער איז גינאנגין צו דעם מאן אונ ער האט איהם גיזאגט אז ער זאל שוין א היים פארין אונ אז גישוט וועט ער איהם טייטען האט איהם דער מאן גיהערט אונ ער איז באלד אהיים גיפארין אונ האט איהר גינעבין א גט:

---

## נאך אוינדערליכע מעשה פון דעם רבי׳ן ר׳ נפתלי פון ראפשיץ זצ״ל:

דער רבי ר׳ נפתלי פון ראפשיץ איז איין מאל גיקומען קיין פארני וויא זיין זיידע דער רבי ר׳ שמואל שמעלקי איז גיוועזין רב האט ער גישיקט נאך דער חברה קדישא אונ ער האט זייא גיפרעגט אויב זיין זיידע דער רבי ר׳ שמואל שמעלקי איז דארטין באגראבין האבין זייא איהם גיענטפערט אז זייא האבין איין קבלה אז ער איז דארטין באגראבין נאר זייא וויסען גישט אויף וועליכען ארט ער איז באגראבין גיווארען האט ער גיפאסט אונ ער איז מיט זייא גינאנגין אויף דעם בית הקברות אונ ער האט זיך ארום גידרייט א ביסיל אונ ער איז צו גינאנגין צוא איין קבר אונ האט גיזאגט דא איז באגראבין מיין זיידע האבין זייא גינראבין א ביסיל אונ זייא האבין גיפונען זיין מצבה:

---

## נאך אוינדערליכע מעשה פון דעם רבי׳ן ר׳ נפתלי פון ראפשיץ זצ״ל:

דער רבי ר׳ מענדלי פון רימנוב האט איין מאל גיבענטשט איין מענטש אז ער זאל זיין איין עושר איז דער מענטש גיווארין איין גרויסער נגיד האט איהם דער רבי ר׳ נפתלי פון ראפשיץ גיפרעגט פאר וואס האט איהר אוועק גינעבין אזוי איין גרויס עשירות צו איין מענטש האט איהם דער רבי ר׳ מענדלי גיענטפערט איך האב איהם גיבענטשט אז ער זאל זיין איין עושר אונ בעוונ׳ ער איז איין גרויסער בעל צדקה נאך דעם גיט מען איהם אלע מאל מיין:

---

## נאך אוינדערליכע מעשה פון דעם רבי׳ן ר׳ נפתלי פון ראפשיץ זצ״ל:

איין מאל זענין גיוועזין אויף איין ארט דיא דרייא צדיקים דער רבי ר׳ אברהם יהושע העשיל פון אפטא אונ דער רבי ר׳ מענדלי פון רימנוב אונ דער רבי ר׳ נפתלי פון ראפשיץ האט דער צדיק פון אפטא גיזאגט צו דעם צדיק פון ראפשיץ ראפשיצער רב וויא איז אייך גיפעלין דיא

די סליצה ביא דער שמונה עשרה פון ערב יום כפור האט דער צדיק פון ראפשיץ גילאכט. אונ דער משמש פון דעם צדיק פון רימינוב איז אויך דאמאלס גיוועזין האט ער גיפרעגט דעם צדיק פון ראפשיץ וואס דער פאטער האט גימיינט האט איהם דער צדיק פון ראפשיץ גיענטפערט אז אונ דעם יאהר איז גיוועזין איין שלעכטע גזירה פון הימעל אויף די ווייבער אונ עס זענין פיל ווייבער אוים גישטארבין אונ אום ערב יום כפור האט איין דארפס מאן גידאווינט מנחה אונ ביא ברוך עלינו וויא עס איז געשטאנין שנים האט ער גיזאגט נשים בעוונותינו ער האט גימיינט אז עס מאכט נשים אונ ער האט שטארק גיוויינט אויף דער שלעכטער גזירה פון די ווייבער אונ זיין גיוויין איז גיהערט גיווארין אויף דעם הימעל אונ מען האט מבטל גיוועזין די שלעכטי גזירה:

## נאך אווינדערליכע מעשה וואס דער רבי ר' נפתלי האט ערציילט:

דער רבי ר' שלום פון בעלז האט איין מאל יום כפור בייגאכט גיזאגט צו זיינע חסידים וויא איז דא דער שניידער פון בראד איך דארף איהם האבין האט מען איהם גירופט צווישען די מענטשין אונ מען האט איהם גיפונין האט איהם דער רבי גיפרעגט וואס איז די טייטש פון דעם פסוק אם עונינו ענו בנו האט ער איהם גיענטפערט רבי פאר וואס זאלט איהר נישט וויסען די טייטש איז דאך אזוי. אנו. חאטש עונינו. מיר האבין גיזינדיגט. ענו. אונז. בנו. זענין מיר דיינע קינדער. האט זיך דער רבי עטליכע מאל ניחזרת דעם פשט:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' אלעזר פון דזיקוב דער זוהן פון דעם רבי'ן ר' נפתלי האט דער ציילט צוא די קינדער פון דעם רבי'ן ר' יצחק אייזיק פון זידיטשוב אז ער איז איין מאל גיוועזין מיט זיין פאטער אונ זידיטשוב ביי דעם רבי'ן ר' צבי הירש פון זידיטשוב האט איהם זיין פאטער גיזאגט מיין קינד זאג מיר ווער וועט זיין רבי נאך דעם רבי'ן איבער הונדערט יאר האט ער איהם גיוויזין אויף זיין פאטער ר' יצחק אייזיק האט איהם זיין פאטער גיזאגט מיין קינד די ביסט טאקי איין חכם אונ די האסט צוא גיטראפין צוא דעם אמת:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל :

**אונ** איין דארף לעבין דער שטאט ראפשיץ האט געוואהנט איין רענדאר אונ ער איז געוועזין איין ארימאן אונ האט איינמאל נישט געהאט צו באצאלין דעם פריץ פאר איין יאר האט דער פריץ געשיקט צו איהם אז ער זאל איהם באצאלין זיין חוב אונ אויב נישט זאל ער זיך שוין ארויס ציהן פון זיין הויף אונ אז ער וועט קימען זיך בעטין פאר איהם וועט ער איהם הייסין שמייסען . אונ אזוי וויא ער האט דאס געהערט איז ער באלד געגאנגין קיין ראפשיץ צו דעם רבי'ן ר' נפתלי אונ ער האט איהם דער ציילט דיא גאנצע מעשה אונ האט איהם געזאגט אז ער האט מורא צו גיין צו דעם פריץ בעטין בעוויל ער וועט איהם הייסען שמייסען. האט איהם דער רבי געענטפערט אז ער זאל נישט גיין צו דעם פריץ בעטין אונ דער אייבערשטער וועט שיקען זיין הילף . איז דער רענדאר אהיים געגאנגין אונ האט דער ציילט זיין ווייב וואס דער רבי האט איהם געענטפערט . האט זיא איהם געפרעגט וואס וועסט דיא טאן אז דער פריץ וועט שיקען זיינע קנעכט אונ זייא וועלין אונז ארויס טרייבען נאר מיין עצה איז אז דיא זאלסט גיין קיין רימנוב צו דעם רבי'ן ר' מענדלי האט ער זי צו געהערט אונ ער איז געגאנגין קיין רימינוב אונ האט דעם רבי'ן דער ציילט זיין ביטער הארץ והאט איהם דער רבי געענטפערט וואס האסט דיא אזוי מורא אונ אפילו דער פריץ וועט דיך הייסען שלאגין פיער אדער פינעף שמיץ וועסט דיא פון זייא נישט שטארבין אבער דער נאך וועט דיר גיט זיין . איז דער רענדאר אהיים געגאנגין אונ ער האט דער ציילט זיין ווייב וואס דער רבי האט איהם געענטפערט האט זיא איהם געהייסין אזוי טאן . איז ער געגאנגין צו דעם פריץ אונ אזוי וויא דער פריץ האט איהם דער זעהן האט ער איהם געהייסין שלאגין פינעף שמיץ האט מען איהם געשלאגין אונ נאך דעם שלאגין האט ער געוויינט ביזא דעם פריץ אונ שטוב האט זיך דער פריץ דערבארימט איבער איהם אונ ער האט איהם געזאגט דעם חוב בין איך דיר מוחל אונ פאר דיא פינעף שמיץ וועל איך דיר נעבין פינעף קלאפטיר האלץ אלע יאר אונ איין פאשע פון דיינע בהמות וועגין . איז ער אהיים געגאנגין אונ האט דאס דער ציילט זיין ווייב אונ ער איז באלד געגאנגין קיין רימינוב אונ האט דער ציילט דעם רבי'ן אונ האט איהם אב געגעבין איין לויב . האט איהם דער רבי ר' מענדלי געפרעגט וואס קלערסטו אויף דעם רבי'ן ר' נפתלי וואס ער האט דיך נישט געהייסען גיין צו דעם פריץ דיא זאלסט נישט מיינען אז ער האט דאס נישט געוויסט נאר ער האט דאס יאה געוויסט נאר ער האט נישט געוואלט אז מען זאל דיך שמייסען דעריבער האט ער דיך נישט געהייסין גיין צו דעם פריץ אבער איך זאג אז עס איז טאקי גלייכער צו לאזין זיך שמייסען עטליכע שמיץ אביא עס זאל דיר דער נאך גיט זיין . ז"ע ועכי"א :

## נאָך אַווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון דעם רבי'ן ר' נַפְתָּלִי פון ראָפּשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' נפתלי פון ראָפשיץ האָט איין מאָל גיזאָגט קיין שום מענטש האָט מיך נאָך נישט בייא גיקומען נאָר איין מיידיל האָט מיך אמאָל בייא גיקומען. איך בין איין מאָל גיוועזין אונ דעם שטעטיל זאַכוב לעבין דער שטאָט מעליטץ דאָס שטעטיל איז נאָר איין קליין שטעטיל אונ עס איז מיין נישט גיוועזין נאָר צעהן יודין אונ זייא האָבין ניהאַט איין שול אונ איין בית הקברות, אונ נאָם האָב איך גיטראָפין איין מיידיל האָב איך זיא גיפרעגט ממ"נ אַז איהר האָט איין שוהל קומט דאָך אויס אַז איהר דאַרפט נישט דאָס בית הקברות בעווייל אַז איינער וועט שטאַרבין וועט דאָך נישט זיין קיין מנין צוא דאַווינען אונ דער שוהל אונ אַז איהר האָט דאָס בית הקברות דאַרפט איהר דאָך נישט דיא שוהל האָט זיא מיר גיענטפערט אַז דאָס בית הקברות דאַרפין זייא נישט פון זייערט וועגין נאָר טאָמער וועט קומען איין פרעמדער מענטש אונ וועט דאָרטין שטאַרבין:

## נאָך אַווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון דעם רבי'ן ר' נַפְתָּלִי פון ראָפּשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' נפתלי פון ראָפשיץ האָט זיך שטענדיג גיקריגט מיט דעם רבי'ן ר' שלמה ליב פון לענטשנא איין מאָל האָט דער רבי ר' שלמה ליב פון לענטשנא גיזאָגט צו זיין ווייב אַז זיא זאָל פאָרין קיין דינוב צו דעם רבי'ן ר' יהושע אונ זיא זאָל איהם אָב געבין איין קוויטיל אונ דעם קוויטיל זאָל שטיין אַז איהר מאַן נייט נישט אונ גוטען וועג אונ זייא זענין שטאַרק אָרום אונ ער האָט איהר אָן גיזאָגט אַז זיא זאָל נישט זאָגין ווער זיא איז. האָט זיא אַזוי גיטאָן אונ אַזוי וויא דער רבי ר' יהושע האָט גילייענט אונ דעם קוויטיל אַז איהר מאַן נייט נישט אונ דעם גוטען וועג האָט ער איהר גיזאָגט דיין מאַן נייט נישט אונ גיגוטען וועג? אָבער מיט זיין תורה אונ מיט זיין תפלה לייבט ער דאָך אונ אַלע וועלטין. האָט זיא איהם גיפרעגט אַז עס איז אמת אַזוי וויא איהר זאָגט פאַר וואָס זשע קריגט דער רבי ר' נפתלי פון ראָפשיץ אויף מיין מאַן. האָט ער איהר גיענטפערט איהר זאָלט וויסען אַז אַלע מלאָכים אונ אַלע שרפים זענין זיך מקנא אונ דיין מאַן. דעריבער קריגט דער רבי ר' נפתלי אויף איהם:

## נאָך אַווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון דעם רבי'ן ר' נַפְתָּלִי [illegible] ראָפּשיץ זצ"ל

דער רבי ר' נפתלי פון ראָפשיץ האָט [illegible] איין גרויסען חסיד ער האָט גיהאַלטען ר' משה לעלובער(?) אונ דער רבי ר' נפתלי האָט איהם [illegible] [illegible]

מאַכין פאַר איין רבי בעווייל ער איז געווען איין בעל מדרגה אָבער דער חסיד ר' משה האָט נישט געוואָלט מאַכין רבי נאָר ער איז געפאָרין אויף דער מדינה נאָך געלד. איין מאָהל איז ער געקומען קיין בוקאָווסק און דאַמאָלס האָט דער רבי ר' שלמה לייב פון לענטשנא נאָך געוואָנט און בוקאָווסק דער חסיד ר' משה איז געגאַנגין און דעם בית המדרש אַריין האָט ער געהערט אַז עס איז דעם טאָג איין ברית מילה און ער איז שטענדיג געווינט געווען אַז ער זאָל זיין ביי אַלע בריתין האָט ער ביי דעם ברית אויך געוואָלט זיין. האָט ער געוואַרט און דעם בית המדרש ביז מען האָט געבראַכט דאָס קינד און דער רבי ר' שלמה ליב האָט באַדאַרפין זיין מוהל האָט מען געוואַרט מיט דעם קינד עטליכע שעה און דער רבי ר' שלמה לייב איז נאָך נישט געקומען. און דער חסיד ר' משה איז שטענדיג אויף איהם ביין געווען בעוויל זיין רבי ר' נפתלי איז געווען איין בעל מחלוקת האָט ער גענומען דעם חלף און ער האָט מל געווען דאָס קינד און דיא מענטשין וואָס זיינען דאָרטין געווען האָבין איהם געלאָזט בעוויל זייא האָבין איהם געקענט און זייא האָבין אויך געוויסט אַז ער איז איין הייליגער מענטש. נאָך דעם איז ער באַלד אַריבער געלאָפין קיין ראָפשיץ צו זיין רבין און אַזוי ווייא ער איז געקומען און שטאָט אַריין איז איהם דער רבי אַקעגין געגאַנגין און ער האָט איהם געזאָגט עס איז מיר זייער אַשאָד אויף דיר איז ער פאַרלאָפין און האָט געחאַפּט דיא באַק פאַר מיר. אָבער איך האָב נאָך איין עצה גייא אַריין און דעם חדר וואָס עס איז לעבין מיין חדר און דיא זאָלסט דאָרטין זיין פאַרשלאָסין איין טאָג און איך וועל דיר געבין איין משמש אַז ער זאָל זיין מיט דיר און דיא זאָלסט נישט זיין אַליין אפילו איין רגע האָט דער חסיד ר' משה אַזוי געטאָהן און ווייא עס איז געקומען דעם אַכטין טאָג איז ער אַליין אַרויס געגאַנגין און דעם בית הכסא אַריין בעוויל ער האָט נישט געוויסט אַז זיין רבי מיינ'ט גאַנצע אַכט טאָג און לעבין דעם בית הכסא איז געווען איין שטאַל פון אָקסין איז אַרויס געלאָפין פון דער שטאַל איין ווילדער אָקס און ער איז צו געלאָפין צו איהם און האָט איהם צוטרעטין מיט זיינע פיס און האָט איהם צובראָכין אַלע ביינער איז געוואָרין איין געוואַלד און מען האָט קוים אַוועק געיאָגט דעם ווילדין אָקס פון איהם און דער רבי ר' נפתלי האָט געשיקט נאָך דיא רופאים פון רישא זענין זייא געקומען און זייא האָבין איהם געהיילט פון דעסט וועגין איז ער געבליבין איין לאָמער אויף זיינע פיס און ער איז געוואָרין אַזוי ווייא איין פראָסטער מענטש בעוויל דער רבי ר' שלמה לייב האָט איהם צו גענומען זיינע מדרגות. און דער רבי ר' נפתלי האָט געזאָגט ווען דער רבי ר' שלמה לייב זאָל איהם נישט געווען צו נעמין זיינע מדרגות וואָלט ער זיך געווען געקענט אַנטקעגין שטעלין קעגין איהם זי"ע ועבי"א:

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ איז איין מאהל אום שבת הגדול א היים גיקומען שטארק מיד האט איהם זיין ווייב גיפרעגט וואס בייסט דיא אזוי מיד האט ער איהר גיענטפערט אז ער האט זיך שטארק אהן גיארבייט ביים דער דרשה האט זיא איהם גיפרעגט אויב ער האט חאטש גיפועלת אז דיא נבירים זאלין געבין פאר די ארימע לייט'ס וועגין צדקה האט ער גיענטפערט אז האלב האט ער גיפועלת דאס הייסט אז דיא ארימע לייט זענין גרייט צו נעמין אבער דיא אנדערע העלפט אז די נבירים זאלין געבין ווייסט ער גישט :

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל :

דער רבי פון לובלין האט אמאהל גיבעטין דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ אז ער זאל נישט זאגין קיין ווערטלאך האט איהם דער רבי ר' נפתלי גיענטפערט לאז דער רבי צו זאגין אז ער זאל נישט שטיין אזוי לאנג שמ"ע, האט ער איהם צו גיזאגט אונ דער רבי ר' נפתלי האט אויך צו גיזאגט איין מאהל איז דער רבי גישטאנין לאנג שמ"ע האט דער רבי ר' נפתלי גיזאגט צו דיא חסידים דער רבי האט זיך דערמאנט פון דער ערשטער נאכט אונ מיטען שמ"ע האבין דיא חסידים גילאכט אונ אז דער רבי האט זיך אוים גיריקט האט ער פארשטאנין אז דער רבי ר' נפתלי האט שוין עפיס גיזאגט האט ער איהם צו גירופין אונ האט איהם גיזאגט איהר האט דאך מיר צו גיזאגט אז איהר זאלט נישט זאגין קיין ווערטליך האט ער איהם גיענטפערט איהר האט דאך מיר צו גיזאגט אז איהר זאלט נישט שטיין אזוי לאנג שמונה עשרה האט איהם דער רבי גיפרעגט וואס האסטו גיזאגט האט ער איהם גיענטפערט איך האב גיזאגט אז דער רבי האט זיך דערמאנט פון דער ערשטער נאכט האט דער רבי גיזאגט עס איז אמת עס איז צו מיר גיקומען איין קלעזמיר אונ האט מיך גיבעטין אז איך זאל איהם געבין איין תיקון אונ ער האט מיר גיזאגט אז ער איז גיוועזין א קלעזמיר אויף מיין חתונה אונ ער האט מיך דערמאנט דעם ניגון של מצוה וואס ער האט גישפילט אויף מיין חתונה זהאב איך איהם גינעבין איין תיקון וי"ע ועכי"א :

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ איז איין מאהל גיוועזין ביים דעם צדיק ר' מרדכי פון נעסכיז א גאנץ יאהר איין מאהל האט איהם דער צדיק גיזאגט

גיזאָגט אז ער זאָל שוין אהיים פאָרין האט ער זיך גיבעטין אז ער זאָל איהם לאָזין נאָך זיין בייא איהם אָבער דער צדיק האט איהם נישט גילאָזט זיין איז ער אריבער גיגאַנגין צו דעם צדיקס ווייב אונ ער האט זיא גיבעטין אז זיא זאָל בעטין דעם צדיק אז ער זאָל איהם נאָך לאָזין זיין בייא איהם איז זיא גיגאַנגין מיט איהם צו דעם צדיק אונ זיא האט איהם גיבעטין אז ער זאָל איהם נאָך לאָזין זיין . האט ער איהר גיענטפערט דיא ווייסט דאָך אז איך הער דיך שטענדיג איך וועל דיך היינט אויך הערין נאָר הלואי מיר זאָלען נישט קיין חרטה האָבען . אונ עטליכע טעג אַרום איז געקומען איין רענדאַר אונ דעם צדיק'ס חדר אריין אונ דאַמאָלס איז דער צדיק געוועזען אונ בית המדרש אונ דער רבי ר' נפתלי האט איהם דערזעהן האט ער באַלד דערקענט אונ איהם אז ער איז איין גרויסער בעל עבירה האט ער אויף איהם געשריגען אונ האט געזאָגט נייא אַרויס דיא טמא דיא האסט נאָך איין העזה צו טרעטין אויף דעם צדיק'ס שוועל איז דער רענדאַר באַלד אַרויס געלאָפין , אונ דער צדיק האט דאָס באַלד דער פיהלט איז ער אַריין גיקומען אונ דער נעך אונ האט געפרעגט ווער איז דאָ גיוועזען . האט איהם דער רבי ר' נפתלי פון ראָפשיץ גיענטפערט עס איז דאָ גיוועזען אַזעלכער אונ אַזעלכער מענטש האט אויף איהם דער צדיק געשריגען אונ האט גיזאָגט נייא ברענג איהם האט ער איהם גיבראַכט . אונ אַזוי זויא ער איז גיקומען האט איהם דער צדיק באַלד גיגעבין שלום אונ ער האט איהם גיפרעגט פאַר וואָס ער איז שוין לאַנג נישט גיוועזין בייא איהם האט דער רענדאַר גיענטפערט אז פון היינט אָהן וועט ער שוין אַלע מאָהל קומען אונ ער האט גיגעבין דעם צדיק פיהל מתנות שעפסין אונ קעלבער אונ טובין אונ הענער אונ נאָך מתנות אונ האט זיך גיזעגינט אונ איז אַוועק גיגאַנגין . האט דער צדיק דערציילט דעם רבין ר' נפתלי אז דער רענדאַר איז גיוועזין פון זיינע מענטשין , אונ בעוויל ער איז שוין לאַנג נישט גיוועזין בייא איהם דורך פיהל סבות האט ער שוין מיין נישט גיוואָלט קומען אונ ער האט אָהן גיהויבין צו טאָן עבירות . איין מאָהל האט ער זיך באַקלערט וואָס וועט זיין ווער סוף ער איז דאָך נישט קיין יוד אונ נישט קיין גוי פאָרין צו דעם צדיק קאָן ער נישט בעוויל ער האט מורא פאַמער וועט דער צדיק דערקענין זיינע עבירות זאָל ער נישט פאָרין וועט ער דאָך ערגער ווערין . דערוויבער איז איהם איין גיקומען אונ זינען אז ער זאָל זיך טויפין אונ דער נאָך האט ער זיך באַקלערט אז ער זאָל נאָך איין מאָהל פאָרין צו דעם צדיק וועט ער איהם מקרב זיין וועט ער גוט ווערין איין יוד אונ ער וועט פאָרין צו איהם נאָך מיין וויא פריער . אונ אויב נישט וועט ער זיך אָפ שיידין אונ גאַנצען דריבער האט דער צדיק גידהיסען דעם רבין ר' נפתלי שוין אַ היים פאָרין פאַמער וועט ער אירום נאָך אַמאָהל אַרויס יאָגין אַזוי וויא ער האט דאָס ערשטע מאָהל גיטאָהן :

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ האט געזאגט צו זיינם א חסיד ער האט געהייסען ר' ברוך ר' אייזיק לענטשענערם איין שוואגער אונ דעם אנדערין טאג חול המועד סוכות יעצט איז נפטר געווארין דיין שוואגער ר' אייזיק, ווייסטו פון וואנין איך ווייס ר' אייזיק שטייט מיר יעצט וואס מען קען אזוי נישט שטיין ביי דעם לעבין נאר נאך דער פטירה. דער נאך איז מען געוואר געווארין אז אונ דער רגע איז ער נפטר געווארין:

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

נאך דעם וואס דער רבי ר' יצחק אייזיק פון קאלעף איז נפטר געווארין זענין געפארין זיינע גרעסטע חסידים זיך זיכען איין רבין זענין זייא צום ערשטען געוועזין ביי דעם רבין ר' צבי הערש פון זידיטשוב אונ דער רבי האט זייא געבעטין אז זייא זאלין איהם נעבין פאר איין רבי'ן האבין זייא נישט געוואלט. אונ זייא זענין געפארין קיין פרימשלאן איז זייא דער רבי ר' מענדלי אקיינין גינאנגן אונ האט געזאגט צו איין יונגער מאן פון זייא „יונגער מאן דיא האסט פארלאירין דיין טלית אונ תפילין דא איבער דעם בארג איבער דעם וועג וועט דיר איין ערל אקיינין ברענגין דיין טלית אונ תפילין אונ וועט בעטען איין האלבין צוואנציגער אוים לייז געלד אונ דיא האסט דאך נישט צו געבין איבער דעם געב איך דיר אהאלבען צוואנציגער דיא זאלסט האבין אוים צו לייזין דיין טלית אונ תפילין" אונ באמת איז טאקי אזוי געוועזין פון דעסט וועגין האבין זייא נישט געוואלט בלייבען ביי איהם אונ ער האט זייא געבעטין אבער זייא האבין נישט געוואלט נאר זייא זענין געפארין קיין ראפשיץ צו דעם רבי'ן ר' נפתלי אונ ער האט זייא נאר נישט געבעטין אונ ער האט זייא נאר נישט מכבד געוועזין זענין זייא דארטין געבליבין אויף שבת אונ זייא האבין געזאגט צו זיין זוהן ר' אלעזר אז זייא ווען אויף נעמין זיין פאטער פאר איין רבי ביז משיח וועט קומען אונ דער נאך ווען זייא צריך זיין צו זייער רבי'ן:

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

עס איז איין מאהל געקומען צו דעם רבי'ן ר' נפתלי איין מענטש מיט איין פאפיר אויף דעם פאפיר איז נעשריבען אלע עברות וואס ער האט געטאהן אין ער האט געבעטין דעם רבי'ן אז ער זאל איהם געבין איין תשובה. אונ אין סוף פון דעם פאפיר איז געשטאנען אז ער איז געשעדין

# אהל נפתלי

געוועזין ביי דעם רבי'ן ר' יצחק אייזיק פון קאליב און ער האט איהם ארויס געגעבן איין שווערע תשובה וואס ער קען זיא ניט טאהן דריבער איז ער געקומען צו דעם רבי'ן ר' נפתלי אז ער זאל אים געבען איין גרינגער תשובה. האט אים דער רבי ר' נפתלי געזאגט וואס האט דיר דער אייבערשטער געטאהן וואס דיא האסט אזוי פיהל געזינדיגט קעגין איהם און אפילו דיא תשובה וואס דער רבי פון קאליב האט דיר ארויס געגעבן איז אויך נאך ווייניג קעגין דיא זינד וואס דיא האסט געזינדיגט קעגין דעם בעשעפער ב"ה און דער רבי ר' נפתלי האט שטארק געוויינט האט דער בעל תשובה אויך אהן געהויבן צו וויינען און ער איז געפאלין צו דער ערד און האט אהן געהויבן צו חלשין און מען האט איהם אלע מאהל דער פרישטערט בעוויל ער איז אלע מאהל פאר חלישת געווארין און דאמאלס זענין דארטין געוועזין דיא גרעסטע חסידים פון קאליב בעוויל עס איז שוין דאמאלס געוועזין נאך זייער רבי'נס פטירה האבין זייא געלאכט אויס דעם האט זייא דער רבי ר' נפתלי געפרעגט וואס לאכט איהר פון מיר? איך בין א הורג נפש און איהר לאכט אויס דעם. האבין זייא איהם געענטפערט בעוויל מיר האבין איין צואה פון אונזער רבי'ן אז דעם מענטש זאלין מיר זיך נעמין פאר איין רבי'ן וועלכער וואס כ. וועלין זעהן פון איהם אז ער קען נעמין איין יוד און איהם ארויס נעמין זיינע קישקעס און [illegible] אויס וואשין און איהם צוריק אר[illegible] לייגין און לעבעדיג מאכין דעם זאלין מיר נעמין פאר איין רבי'ן אויף זיך און מיר האבין יעצט דאס געזעהן ביי אייך מיט דעם בעל תשובה דעריבער האבין מיר געלאכט. האט דער רבי ר' נפתלי אהן געהויבן צו לאכין און ער האט געזאגט צו דעם בעל תשובה דיא זאלסט נאר גישט זארגין בעוויל דיינע זינד זענין שוין פאר געבען און דער עיקר תשובה איז נאר תרמה זי"ע ועכי"א:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ ווען ער איז געוועזין ביי זיין רבי'ן און לובלין איז ער איינמאהל געגאנגין מיט זיין רבי'ן דאווינען און שוהל אריין און דאמאלס איז געוועזין און לובלין איין גרויסער שטאַרעם ווינד האט ער געזאגט צו זיין רבי'ן אז ער זאָל זעהן צו שטילען דיא ווינטען כדי מען זאל קאנין גיין דאווינען און זיין רבי האט איהם נאר גישט געענטפערט האט ער איהם נאך אמאהל געזאגט און דער רבי האט איהם ווידער נישט געענטפערט האט ער איהם ווידער דריטע מאהל געזאגט אז דער רבי וועט זייא נישט שטעלין וועל איך זייא שטעלין בעוויל עס איז כמעט סכ"נ. און אזוי איז געוועזין דיא ווינטען זענין טאקי געשטילט געווארין. און דעם אנדערין טאג זענין געקומען דיא דארפס לייט פאר דעם רבי'ן פון לובלין מיט געוויין אז און זייערע דערפער איז פלוצלינג געווארין פיהל קרענק ר"ל. האט דער רבי געשיקט נאך דעם רבי'ן ר' נפתלי און ער האט איהם געזאגט

גיזאגט דיא זעהסט וואס דוא האסט גורם גיוועזין מיט דיין שטעלען דיא ווינטין דער אייבישטער האט גישיקט דיא ווינטען אז זייא זאלען אוועק בלאזען אלע קראנקהייטין אונ דיא סדבריות ארויין אונ בעווייל דיא האסט זייא גישטעלט זענין דיא קראנקהייטין איבער געבליבין אונ דיא דערפער דעריבער איז אויף דיר דאס צו פאר רעכטין . האט דער רבי ר' נפתלי תפלה גיטאהן אונ אלע קראנקהייטין זענין גיהיילט גיווארין :

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי"ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ האט איין מאהל אונ איין יום טוב גיזאגט צו זיינע חסידים עס האט זיך שוין אויס גילאזט דיא אמתע חסידים אונ עס גיפינט זיך שוין נישט קיין אמתער חסיד בעוויייל איטליכער מענטש וואס ער פארט צו דעם רבי"ן פארט ער ניט כדי ער זאל זיך אויס לערנין גיטע מדות נאר ער פארט ווענין איין גיבעט אונ ער האט אויס גירעכינט אלע זיינע חסידים אז דער איז גיקומען וועגין דעם אונ דער איז געקומען וועגין דעם איז געווארין איין סכסוך גיווארין צווישין דיא חסידים אונ דאכט זיך אז דער רבי האט אויך גימיינט מיט זייא אונ צווישין דיא חסידים איז גיוועזין ר' נטע פון וישניצא וואס אום שבת אונ י"ט האט ער נאר גירעדט לשון הקודש . האט ער גיזאגט צו דעם רבי"ן אויף לשון הקודש . רבי . עס איז דאך היינט יום טוב פאר וואס זאל דער רבי גורם זיין טרויריגקייט אום יום טוב מען דארף דאך נאר היינט זיין פריילוך האט עס איהר גיענטפערט מיין קינד פאר וואס זאל איך זיין מיין צדיק פון משה רבינו וואס ער האט זיך מוסר נפש גיוועזין פון די יא-ינסוועגין פון דעסט וועגין האט ער זייא גיזאגט שמעו נא המורים וכו' דאס איז טייטש איהר זענט ווידער שפעניגער :

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי"ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ איז איין מאהל גיוועזין ביים דעם רבי"ן ר' אלימלך פון ליזענסק אויף שבת אונ ביים שלש סעודות האט דער רבי ר' נפתלי גיזעהן אז דער רבי ר' אלימלך איז שטארק פאר קלערט אונ איין ענין אונ ער האט פאר שטאנין אז זיין נשמה קען איהם ארויס גיין וועגין דעם האט ער ארן גיטאיבען צו קלאפין אויף דעם טיש אונ ער האט גיזאגט עס שטייט ממקומו הוא יפן ברחמים איז דען דא אונ' הימעל בעזעמס ער זאל קערין נאר דער פשט איז אזוי ער זאל קערין פון זיין אורט מיט רחמים אונ ער איז באלד אנטלאפין גיווארין אויף זיין אכסניא האט דער רבי ר' אלימלך גישיקט נאך איהם אונ ער האט איהם גיפרעגט וויא אזוי האסט

האסט דיא דיך אונטער גישטעלט מיך צו צו מישין אונ מיטין קלערין האט ער איהם גיענטפערט מיר ברויכען דא דעם רבי'ן אויף דער וועלט. האט איהם דער רבי ר' אלימלך גיזאגט יישר כוחך דאס איז טייטש עס זאל ווערין גישטארקט דיין כח אונ ער האט איהם מכבד גיוועזין מיט דעם בענטשין:

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל

נאך דעם וואס ר' מענדלי פון רימנוב איז נפטר גיווארין זענין זיינע זוהן געפארין צו דעם רבי'ן ר' נפתלי אז ער זאל אויס קלויבען איינים פון זייא צו ווערין רבי אויף זייער פאטערס ארט אונ זייא האבין זיך מיט גענומען זייער פאטערס משמש בעווייל זייא האבין גיקלערט אז וועליכען דער רבי ר' נפתלי וועט אויס קלויבען צו זיין רבי וועט ער געבין איהם זיין משמש ווייא זייא זענין געפארין אונ מוזטען ווען האט זייא באגעגינט איין דארפס מאן וואס ער איז געפארין צו זייער פאטער מיט איין קוויטל בעווייל ער האט נאך נישט גיוויסט אז ער איז שוין נפטר גיווארין האט ער זייא גיפרעגט וויא זייא פארין האבין זייא איהם גיענטפערט אז זייא פארין צו דעם רבי'ן ר' נפתלי אז ער זאל קלויבין איינים פון זייא פאר איין רבי בעווייל זייער פאטער איז שוין נפטר גיווארין האט ער זייא גיוואלט געבין דאס קוויטל אבער זייא האבין נישט גיוואלט נעמין איידער דער צדיק וועט אויס קלויבין אונ בעווייל ער האט זייא שטארק גיבעטין האבין זייא זיך גימאכט איין קשאוויס אונ זייא האבין איהם גיזאגט אז ער זאל געבין דאס קוויטל דעם משמש אונ דער דארפס מאן איז גיוועזין איין פראסטער מענטש אונ ער האט נישט פאר שטאנין קיין קשאוויס איז ער צו גיגאנגין צו דעם משמש אונ ער האט איהם גיגעבין דאס קוויטל האט ער בייא איהם גינומען אזוי ווייא זייא האבין דאס גיזעהן האבין זייא זיך שטארק פערוואונדערט בעווייל זייא האבין איהם גיקענט אז ער איז איין פראסטער מענטש אונ זייא האבין פארשטאנין אז מן הסתם קען ער העלפין בעווייל ער האט דאך גענומען איין קוויטל אונ דורך דעם האבין זייא אהן געהויבין נעבער צו פארין אונ אזוי ווייא זייא זענין געקומען צו דער טהר זענין זייא דער פער ארויין גיגאנגין אונ דער משמש איז גיגאנגין נאך זייא אזוי ווייא דער משמש איז ארויין געקומען האט דער רבי גיזאגט פרייד הבא רבי פון רימנוב אונ ער האט איהם ניבעטין זעצין אונ ער האט איהם שטארק כבוד אהן גיטאהן אזוי ווייא מען ברויכט צו טאהן צו איין רבי'ן אונ עס איז טאקי אזוי גיוועזין ער איז א היים גיפארין אונ איז גיווארין רבי:

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי ראפשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' נפתלי איז איין מאהל געוועזען ביי דעם רבי'ן ר' מענדלי פון רימנוב האט דער רבי ר' מענדלי געהייסען אז עס זאלין אלע ארוים גיין פון דער שטוב בעוויל ער האט געוואלט רעדין מיט דעם רבי'ן ר' נפתלי איין סוד זענין אלע ארוים געגאנגין נאר דעם רבי'ן ר' מענדלים זוהן ר' נתן ליב בעוויל ער האט געוואלט הערין וואס זייא וועלין רעדין האט ער זיך באהאלטען אונטער דעם אויבין אונ ווייא אלע מענטשין זענין ארוים געגאנגין האבין זייא אהן געהויבין צו שמיסין פון הגנר אז אונ אונזערע לענדער איז דא הויבע הגנר אונ אין אנדערע לענדער איז דא נידריגע הגנר אזוי האבין זייא גישמיסט א גאנצע שעה נאך פון הגנר אונ נאך דעם וואס זייא זענין ארוים געגאנגין פון דעם חדר איז דער ר' נתן ליב אפער גיגאנגין פון אונטער דעם אויבין אונ דער נאך האט ער גיטראפין דעם רבי'ן ר' נפתלי אונ ער האט איהם גיפרעגט וואס דער שמוס האט באטייט האט איהם דער רבי ר' נפתלי געענטפערט דיא זאלסט וויסין אז אפילו דיא זיבציג יאהר פון דעם מענטש וואלט אויך נישט גינוג געוועזען דיר צו אנפלעקין דיא סודות פון דעם שמוס פון דיא הגנר :

---

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי ראפשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' נפתלי האט גיזאגט צו דעם רבי'ן ר' צבי הירש פון רימנוב אז ער זאל יאגין דעם רבי'ן ר' שלמה ליב פון לענטשנא בעוויל ער האט זיך שטענדיג גיקריגט מיט איהם האט ער איהם גיענטפערט וויא אזוי קאן איך איהם יאגין איך גידענק דאך ווען מיר זענין גיזעסין ביי דעם רבי'ן ר' מענדלי פון רימנוב האבין מיר אלע מורא גיהאט אויף צו הייבין אונזערע אויגען אונ דער רבי ר' שלמה ליב האט זיך אוים גינומען דיא שוך אונ ער האט גיטאנצט אויף דעם טיש אונ דוא זאקין אז דער רבי ר' מענדלי איז גיזעסין ביי דעם טיש אונ ער האט דאס גיזעהן אונ ער האט גאר נישט גיזאגט :

---

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי ראפשיץ זצ"ל :

דער צדיק ר' פנחס סאמבאר איז געוועזען א גבאי פון דעם נעיר פון ר' מאיר בעל הנס אונ ער פלעגט פירען דאס געלד קיין לעמבערג צו דיא נשיאים פון ארץ ישראל. איין מאהל ווען ער איז געוועזען אונ לעמבערג האט ער געהערט אז דער רבי ר' נפתלי דארף דארטין ארום דורך פארין. האט ער זיך אהן גערעכט איין קוויטעל אז ער זאל איהם אם געבען אונ מיטען

מיטען וועג אונ נעבין דאס קוויטיל האט דאס דער רבי ר׳ נפתלי באלד דער פיהלט אונ ער האט גיזאגט צו זיין פארמאן אז ער זאל נישט ושטעלין דעם וואגין אויף קיין שום אורט נאר אויף דעם אורט וואס מען וועט דארפין געבין דיא פערד צו עסין אבער דער צדיק ר׳ פנחס אזוי וויא ער האט דער זעהן פון דער וויטענס דיא בויד האט ער באלד פאר שטאנין אז דארט פארט דער רבי ר׳ נפתלי האט ער גיזאגט צו זיין פארמאן אז ער זאל זיך שטעלין מיט דעם וואגין אונ דער ברייט פון דעם וועג כדי דיא בויד זאל נישט קענין פארין האט דער פארמאן אזוי גיטאן אונ דער פארמאן פון דעם רבי'ן ר׳ נפתלי האט שטארק גישריגען דער ווייל איז דער צדיק ר׳ פנחס אראפ גישפרינגען פון זיין וואגין אונ איז צו גיגאנגין צו דעם רבי'ן ר׳ נפתלי אונ ער האט איהם גיגעבין דאס קוויטיל אונ ער האט מיט איהם גירעט אונ דער נאך איז ער אוועק גיפארין פון מיטין וועג אונ ער האט איהם גילאזט פארין אונ פון דאמאלס אהן האט ער שטענדיג געגליבט צו פארין צו דעם רבי'ן ר׳ נפתלי נאר ער האט קיין מאהל נישט גיהאט קיין צייט אזוי איז פאר בייא גיגאנגין צוואנציג יאהר נאך דיא צוואנציג יאהר איז ער גיפארין קיין ראפשיץ אונ אזוי וויא ער איז ארויין געקומען האט איהם דער רבי גיגעבין שלום מיט זיין נאמין דאס הייסט ער האט איהם גיזאגט שלום עליכם ר׳ פנחס אונ ער האט גיזאגט צו זיין משמש אז ער זאל ברענגין איין שטיל ר׳ פנחס זאל זיך זעצין אונ ער האט גיזאגט ר׳ פנחס פארט שוין צוואנציג יאהר קיין ראפשיץ איז ער שוין זייער מיד גיב איך איהם א שטיל ער זאל זיך זעצין, האט ר׳ פנחס גיזאגט צו איהם דיא טרחה פון דעם וויטען וועג אונ דיא גרויסע הוצאות פון דעם וועג וויא האבין דאס גורם גיוועזין וואס איך בין נישט געקומען ביז אהער האט איהם דער רבי ר׳ נפתלי גיפרעגט וויפיל טרעפין אהן דיא הוצאות האט ער גיענטפערט „דרייסיג רוביל" האט איהם דער רבי גיזאגט ר׳ פנחס לאזין מיר מאכין איין משא ומתן אז אייהר וועט ווע‏לין פארין קיין ראפשיץ זאלט איהר זאגין אייער פרויא אז זיא זאל אייך אהן גרייטען איין גיטע סעודה רעוויל איהר ווילט פארין קיין ראפשיץ דארפט איהר דאך כח אויף דעם וועג אונ אזוי זאלט איהר צו טיילין דיא דרייסיג רוביל צווישין אונז ביידע פופצען רוביל זאלט איהר אויס געבין אויף דער סעודה וועט איהר האבין כח צו דינען גאט אונ דיא אנדערע פופצען רוביל זאלט איהר מיר שיקען פאר איין פדיון וועט זיין גיט פאר אונזער ביידע וועגין איהר וועט עסין איין גיטע סעודה [illegible] איהר וועט נישט האבין קיין מלטול פון דעם וועג אונ נישט קיין ביטול תורה אונ איך וועל אויך פערדינען בעוויל איך וועל האבין פון אייך איין גרויסען פדיון פון פופצען רוביל ודאס אליין האט ער איהם גיזאגט אלעס קבאוויטש אונ אום שבת בייא דעם לייענען האט דער רבי איהם אויף גירופין צו כהן ר׳ פנחס ארי׳ בר׳ יעקב הכהן נאך דעם לייענען האט ער איהם גיפרעגט רבי וויא אזוי האט איהר גיוויסט מיין פאטערס נאמין האט ער איהם גיענטפערט אפילו אייער טיטערס נאמין ווייס איך אויך בעוויל אז מיר זעהן אמן

איין יוד וואס ער גיפעלט אונז מאכין מיר זיך איין סימן אויף איהם אונ אויף אייך האבין מיר זיך אויך גימאכט איין סימן דען דער פסוק ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום באטרעפט פנחס ארי' בן שרה .

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל :

דער רבי ר' נפתלי האט איין מאהל גיזאגט צו איין מענטש וואס ער פלעהגט שטענדיג רעדין אויף דיא צדיקים דיא הונד זאגין שירה בואו נשתחוה דאס איז טייטש קומין וועלין מיר זיך ביקען איז דאך קשה וויא קומט דיא שירה צו דיא הונד . נאר דער תירוץ איז בעוויל דיא וואס זייא רעדין אויף דיא צדיקים ווערין מגולגל אונ הונד אונ דער טעם דער פון איז בעוויל וואס האט ער גירעט אויף דעם צדיק אז בייא דעם דאווינען טאנצט ער אונ ער שפרינגט אונ ער ביקט זיך אונ נאך כדומר דערוכער אז ער ווערט מגולגל אונ זיין הונד ארויין . זאגט ער שירה בואו נשתחוה קומט וועלין מיר זיך ביקען ער איז שוין מודה צו דיא צדיקים .

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל :

איין מאהל איז דער רבי ר' נפתלי גיזעסין אום שבת בייא דעם טיש מיט פיהל חסידים אונ צווישין זייא איז גיוועזין איין חסיד וואס עס איז איהם אויף נענאנגין אויף דער דיעה צו קלערין אונ דעם פסוק לפני לא נוצר אל ואחרי לא יהי' . דאס איז טייטש פאר מיר איז נישט גיוועזין קיין גאט אונ נאך מיר וועט אויך נישט זיין אונ עס איז איהם קשה גיוועזין וויא אזוי איז שייך צו זאגין בייא דעם אייבערשטין פאר מיר אונ נאך מיר ער איז דאך גיוועזין פריער פאר אלע אונ ער וועט דאך זיין שפעטער פון אלע דער וויל האט דאס דער רבי ר' נפתלי דער פיהלט אונ האט זיך אויף גישטעלט אויף זיינע פיס אונ ער האט גיזאגט עס שטייט אונ פסוק לפני לא נוצר אל ואחרי לא יהי' איז דיא טייטש אזוי וויא רש"י זאגט פשט לפני איז טייטש פאר מיר ווען איך בין דא אונ איך בין דאך שטענדיג דא אונ ואחרי לא יהי' איז טייטש עס וועט נישט זיין נאך מיר בעוויל איך לעב אייביג זי"ע ועכי"א :

## אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רַבִּי ר׳ נַפְתָּלִי מְרָאפְּשִׁיץ זצ״ל הָאט עֶרְצֵיילְט:

אונ דער שטאט ווילנא איז גיוועזין איין מעפיש איין גרויסער נגיד אונ איין גרויסער ת״ח וואס ער האט גיהאט איין אתרוג פאר טויזינט גילדין האט איין מענטש בייא איהם גענומען דעם אתרוג צו בענטשין מיט איהם אונ ער האט איהם אראפ גילאזט אונ ער איז שוין פסול געווארין מען האט שוין ניט געטארט בענטשין מיט איהם האט דער נגיד גיזאגט דיא מצוה פון אתרוג האט דאך דער אייבערשטער גיבאטין אונ ער האט דאך אבער גיבאטין אז מען זאל ניט זיין בכעס דעריבער וועל איך מיין זין ווילען אונ איך וועל ניט צערינין אונ ער האט נאר ניט גיצערינט אויף דעם מענטש וואס ער האט איהם גיפאסילת דעם אתרוג:

## אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רַבִּי ר׳ נַפְתָּלִי מְרָאפְּשִׁיץ זצ״ל הָאט עֶרְצֵיילְט:

איינמאל האט דער צדיק ר׳ יצחק פון האמבורג גיזאגט צוא דעם שמש פון שוהל אז ער זאל פארשליסען דיא שוהל אונ עהר זאל איהם געבין דעם שליסיל האט דער שמש אזוי גיטאהן אונ צוא פאר נאכט אז דאס קהל איז געקומען דאווינען האבין זייא גיוואלט אז עהר זאל זייא עפינען דיא שוהל אבער דער צדיק האט ניט גיוואלט געבין דעם שליסיל אונ עהר האט איהם געהאלטין דרייא טאג דער נאך האט עהר איהם אפ גיגעבען דעם שליסיל האט דער שמש גיעפינט דיא שוהל אונ עהר האט גיזעהן אז דער גאנצער סקליעפ פון דער שוהל איז אראפ געפאלין אויף דער ערד אונ ווען מען זאל דארטין גיוועזין דאווינען אונ דיא טעג וואלטען ח״ו גיוועזין ניט אויס גיווארין פיהל נפשות:

## נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רַבִּי ר׳ נַפְתָּלִי מְרָאפְּשִׁיץ זצ״ל הָאט עֶרְצֵיילְט:

ווען דער צדיק ר׳ יצחק איז נאך גיוועזין רב אונ דער שטאט בראד איז דארטין דורך גיפארין איין מענטש וואס עהר איז גיוועזין גישיקט פון איין גרויסען נגיד אויף דעם מארק פאן קיין לייפציג אונ עהר איז איין געשטאנען אונ איין נאכט הויז אונ דער בעל הבית פון דעם נאכט הויז איז גיוועזין איין ערליכער יוד אונ איין תלמיד חכם. אונ אים ערב שבת האט דער מענטש גענומען זיין בייטיל געלד אונ ער האט איהם גיגעבין צו באהאלטין דעם בעל האכסניא אונ פריטיג צו נאכט איז דער בעל האכסניא פלוצלינג שלאק געווארין אונ ער איז גישטארבין אונ שבת טאג ארום האט דער מענטש גיזאגט צו דעם ווייב פון דעם בעל האכסניא

אַ

אַז עֶר דאַרף פאָרִין ווײַטער דערוּבּער זאָל זִיא אִיהם נעֶבִּין דאָס געֶלד וואָס עֶר האָט אִיהר מאַן גִינעֶבִּין צוּ בּאַהאַלטִין אָבּעֶר זִיא האָט אִיהם גִיעֶנטפעֶרט אַז זִיא ווײַסט נִישט פוּן קײַן שוּם געֶלט אוּנ דִיא זוּהן האָבִּין אוֹיך אַזוֹי גִיזאָגט אַזוֹי ווִיא דעֶר מעֶנטש האָט דעֶר הערט זײַערע רײד אִיז עֶר שטאַרק דעֶר שראָקִין גִיוואָרִין אוּנ עֶר אִיז בּאַלד אַרוּבּעֶר געֶלאָפִין צוּ דעֶר רב דאָס אִיז דעֶר צדיק ר׳ יצחק אוּנ עֶר האָט אִיהם דעֶר צײלט דִיא גאַנצעֶ מעשה האָט דעֶר רב גִישִיקט רוּפִין דִיא פרוֹיא מִיט אִירעֶ זוּהן זעֶנִין זײַא געֶקוּמעֶן אוּנ זײַא האָבִּין בּײַא אִיהם אוֹיך גִיזאָגט אַז זײַא ווײַסעֶן גאָר נִישט האָט עֶר גִיפּאַסקִינת אַז זײַא דאַרפִין שווערִין אוּנ זײַא האָבִּין בּאַלד גִיוואָלט שווערִין נאָר בּעֶווײַל דעֶר מעֶנטש אִיז גִיוועֶזִין אײַן ערלִיבּעֶר מעֶנטש אוּנ עֶר האָט פאַרשטאַנִין אַז זײַא ווײַסִין טאַקי גאָר נִישט האָט עֶר נִישט גִיוואָלט אַז זײַא זאָלִין שווערִין אוּנ עֶר אִיז אַרוֹיס גִינאַנגִין פוּן דעֶם צדיק מִיט אײַן טרוֹירִיג האַרץ אוּנ עֶר האָט נִישט גִיווִיסט אַ וואָסעֶר עצה עֶר זאָל זִיך טאָהן בּעֶווײַל דאָס געֶלד אִיז נִישט געֶוועֶזִין זײַן · פאָרִין ווײַטעֶר האָט עֶר נִישט גִיקעֶנט בּעֶווײַל עֶר האָט נִישט גִיהאַט אוֹיף הוצאות אוּנ אַ הײם שרײַבּעֶן האָט עֶר מוֹרא גִיהאַט אַז מעֶן וועֶט אִיהם חושד זײַן אַז עֶר האָט זִיך צוּ געֶנוּמעֶן דִיא געֶלד נאָר עֶר שרײַבּט אַזוֹי עֶקסטרִי האָט עֶר זִיך אָפּ גִיקלערט אַז עֶר זאָל בּלײַבּעֶן אִין דעֶר שטאָט בּראָד אוּנ עֶר אִיז אַלעֶ טאָג גִינאַנגִין צוּ דעֶם צדיק אוּנ עֶר האָט גִיווײַנט פאַר אִיהם אוּנ דעֶר צדיק האָט אִיהם גִיעֶנטפעֶרט וואָס קעֶן אִיך דִיר העֶלפִין אַז דִיא ווִילסט ווֶעל אִיך שִיקעֶן נאָך דעֶם טוֹיטעֶן אַז עֶר זאָל אוּנז זאָגִין ווִיא עֶר האָט בּאַהאַלטִין דאָס געֶלט · אוּנ אָנהײבּ האָט דעֶר מעֶנטש גִימײנט אַז עֶר מאַכט זִיך אײַן קטאָווִיס אָבּעֶר אַז עֶר האָט אִיהם דאָס אײַניגעֶ גִיזאָגט עֶטלִיכעֶ מאָהל האָט עֶר פאַרשטאַנִין אַז עֶר זאָגט אוּנ אָמתִן טרײַן האָט עֶר מסכִים גִיוועֶזִין צוּ דעֶם. האָט דעֶר צדיק גִירוּפִין דעֶם שמש אוּנ עֶר האָט אִיהם גִיזאָגט אַז עֶר זאָל גײן אוֹיף דעֶם בּית הקברות אוֹיף דעֶם קבר פוּן דעֶם בּעל האַכסניא אוּנ עֶר זאָל אִיהם זאָגִין אַז דעֶר רב הײסט אִיהם קוּמעֶן צוּ זִיך אוּנ דעֶם אַנדערִין טאָג אוּנ דעֶר שעה אִיז דעֶר שמש גִינאַנגִין אוּנ עֶר האָט אַזוֹי גִיטאָהן. אוּנ דעֶם אַנדערִין טאָג אִיז דעֶר מעֶנטש געֶקוּמעֶן צוּ דעֶם רב האָט עֶר אִיהם גִיזאָגט אַז דעֶר טוֹיטעֶר אִיז שוֹין דאָ דערוּבּעֶר זאָל עֶר אָהן הײבִּין צוּ מעֶנעֶן האָט דעֶר מעֶנטש גִיטעֶנית דעֶר נאָך האָט דעֶר רב גִיזאָגט צוּ דעֶם טוֹיטעֶן וואָס זאָגסט דִיא אוֹיף דעֶם אוּנ דעֶר מעֶנטש האָט גאָר נִישט גִיזעֶהן אוּנ נִישט גִיהעֶרט נאָר דעֶר רב האָט אִיהם גִיזאָגט דעֶר טוֹיטעֶר זאָגט אַז דאָס געֶלד לִיגט אוּנ דעֶם טוּר אורח חיים הלכות שבת אוּנ דעֶם סִימן אִיז מעֶן בּאַלד אַרוּבּעֶר גִינאַנגִין אוּנ זײַן שטוּב אַרײַן אוּנ מעֶן האָט דאָרטִין געֶפוּנִין דאָס געֶלד:

## א מעשה וואס דער רבי ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל האט ערציילט:

זוען דער גאון ר' ארי' לייביש הלוי דער רב פון דער שטאט סטאניסלאב האט געוואלט א שידוך מאכן מיט זיין טאכטער האט מען איהם גירעדט מיט דעם גביר יצחק בוזנובער און דער גביר האט געוואלט געבין פיהל טויזנטער אבי זיך משדך צו זיין מיט דעם גאון און דער גאון האט שטארק גיהאלטין פון זיין פעטער ר' יוסף יעקב דער רב פון אלעקסניץ וואס ער איז געוועזין ר' יצחק המבורגער'ס א זוהן דערוּבער האט ער געשריבין איין בריף צו זיין פעטער און ער האט איהם גיפרעגט אויב ער זאל מאכן דעם שידוך האט איהם זיין פעטער גיענטפערט . היינט און דער פריא אזוי ווייא איך האב מיך אויף געחאפט פון מיין שלאף איז מיר אריין געקומען איין פסוק און מיין מויל אריין אך טוב לישראל האב איך נישט פארשטאנין וואס דאס באטייט . דער נאך איז מיר אהן געקומען דער בריף פון דיר האב דיא פרעגסט מיך אויב דיא זאלסט מאכן דעם שידוך מיט דעם גביר האב איך מיך באקלערט אז דאס איז דאס באטייטינג פון דעם פסוק א"ך טוב לישראל אז דער גביר וועט געבין איין און צוואנציג טויזנד קראהן אזוי ווי אך באטרעפט זאלסט טאהן דעם שידוך דערוּבער זאלסטו דיך שטעלין אויף דעם אז ער וועט געבין דעם סכום זאלסטו דיך משדך זיין מיט איהם און, אויב נישט זאלסטו ווייסען אז עס נישט מן השמים האט דער גאון איהם גיהערט און ער האט גישריבין צוא דעם גביר אזוי וויא זיין פעטער האט איהם גישריבין האט דער גביר אהן געהויבען צוא פריבין און ער האט נאר געוואלט געבען פיפצען טויזינד קראהן און דער נאך האט ער שוין געוואלט געבין צוואנציג טויזינד און קיין איין און צוואנציג האט ער בשום אופין נישט געוואלט געבען בעחיל עס האט איהם שטארק פארדראסין פאר וואס ער האט זיך איין געשפארט פינקט איין און צוואנציג און ער האט נישט גיטאהן דעם שידוך און דער גביר האט זיך משדך געוועזין מיט איין אנדערען גאון און איהם האט ער נישט גיגעבין אפילו קיין האלב פון דעם וואס ער האט געוואלט געבין דעם גאון פון סטאניסלאב און דער גביר האט זיך אומעטום באריסט אז ער האט גיטאהן א בעסערין שידוך וויא מיט דעם רב פון סטאניסלאב . און עס איז נישט פאר בייא גיגאנגין קיין לאנגע צייט האט זיך דער גביר מיט זיין גאנצען בני בית געטויפט און דעם אנדערין גאונס טאכטער און זיין אייניקל האבין זיך אויך געטויפט . דאמאלס האט זיך דער גאון ר' ארי' לייביש פון סטאניסלאוו שטארק געפרייד און ער האט גיזאגט יעצט ווייס איך אז מיין פעטער איז א ירא אלקים דאס הייסט ער האט מורא פאר גאט און וואס ער זאגט איז אמת :

שטארבין האט איהם דער סוחר ניבעטין אז ער זאל איהם ברענגען צו קבורה און ער איז אװעק ניגאנגין פון איהם דער װײַל איז דורך ניגאנגין אײַן פריץ מיט אײַן קנעכט װאס ער האט איהם אויך גיקויפט בײַא דיא דײַבערס האט ער איהם ניפרענט װער עס האט איהם דא אהן גיבינדין האט ער איהם דער צײַלט דיא גאנצע מעשה. האט ער ין נעפונען און זײַנע אוינען און ער האט איהם אויף נעבונדען און ער האט אהן געבונדין אויף זײַן אורט זײַן קנעכט און ער האט איהם גענומען און ער איז זיך א װעק גינאנגין. דער נאך איז נעקומען דער פריץ מיט זײַן מעסער און ער האט דעם קנעכט באלד דער קוילײַט און ער האט אפילו נישט ניקיקט צו דאס איז זײַן קנעכט און זײַן חבר איז ניגאנגין אויף דעם פעלד און ער האט איהם באנראפין בעװײַל ער האט איהם ניבעטין אז ער זאל איהם ברענגין צו קבורה און ער האט נישט ניװוסט פון דער גאנצער מעשה. און אײַן צײַט ארום איז זײַן חבר אויך אנטלאפין און ער איז נעקומען און זײַן שטאט ארײַן קײַן האמבורג און ער האט דער צײַלט דיא גאנצע מעשה דעם צדיק ר׳ יצחק הלוי האט ער סתיר נעװעזין דעם סוחרס װײַב חתונה צו האבין. האט זיא זיך משדך נעװעזין מיט אײַן גרויסען גביר פון האמבורג בעװײַל זיא איז נעװען אײַן גרויסע נכירתה און זײַא האבין דאס ארוים נעשטעלט אויף דיא צײַטינגען אזוי װיא דער שטײַנער איז בײַא גרויסע לײַט. און דער סוחר איז דאמאלס געװעזין אין אמעריקא און ער איז דארטין געװעזין אײַן גרויסער גביר אזוי װיא ער האט גילײַנט אויף דעם צײַטינג אז זײַן װײַב האט התונת האט ער איבער גילאזט זײַן גאנץ פאר מעגין און ער איז נעפארין קײַן האמבורג און דער נאכט פון זײַן װײַבס חתונה איז ער נעקומען קײַן אלטונא װאס זײַ איי געװעזין לעבין דער שטאט ג און קײַן האמבורג האט מען נישט גיקענט פארין בײַא נאכט בעװײַל צװישין די שטעט איז גיװעזין אײַן טײַך אײַן בריק און בײַא נאכט האט צװײַא מען צו נעצױגען מיט שטריק אײַן און האלבע בריק צו דער שטאט און אײַן האלבע בריק צו דער אנדערע שטאט און דאמאלס איז פונקט געװעזין דער צדיק ר׳ יצחק הלוי און אלטונא איז דער סוחר ארובער גינאנגין צו איהם און ער האט איהם דער צײַלט אלעס װאס עס איז אויף איהם איבער נעפארין. אזוי װיא דער צדיק האט דאס דער הערט האט ער זיך אנידער געװארפין אויף דער ערד און ער האט זיך גערוסען זײַנע האר בעװײַל ער האט גימײַנט אז זיא האט שוין זיבער חתונה ניהאט און אזוי איז ער גילעגען אויף דער ערד אזוי װיא פאר חלישת ביז האלב נאכט. און דער נאך האט ער זיך געהויבען און ער האט גיזאגט אז מען האט איהם מודיע געװעזין פון הימעל אז זיא האט נאך נישט חתונה ניהאט און עס איז טאקי אזוי געװעזין און צו מארגינס איז ער געפארען קײַן האמבורג צו זײַן װײַב בשלום:

## א מעשה וואס דער רבי ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל האט ערציילט:

איין מאל אום מוצאי יום הקדוש איז געווארין איין גרויסע חמארע אונ דער שטאט פרעשבורג אונ דער גאנצער עולם האבין זיך שטארק מצער געוועזין בעווייל זייא האבין נישט געקאנט מחדש זיין די לבנה. האט זיך דער גאון ר' משולם איגרא אנגערופין אונ עהר האט גיזאגט רבש"ע דיינע קינדער האבין גיפאסט אונ זייא האבין זיך א גאנצען טאג גיפייניגט פאר וואס זאלין זייא נישט האבין דעם נחת רוח מחדש צו זיין דיא לבנה אזוי וויא עהר האט גיזאגט דיזע ווערטער איז באלד לעכטיג גיווארין אונ דיא לבנה האט זיך געהויבען צו שיינען אונ זייא האבין זיא מחדש גיוועזען מיט פיעל פרייד:

---

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

דער צדיק ר' צבי אייזיק פון דינוב איז איין מאהל גיוועזין שבת אונ דער שטאט וויעלקאטש אונ דארטין איז געוועזען איין גרויסער חכם אונ איין עילוי אונ עהר האט גיהייסען ר' יוסף מארלער אונ עהר האט שטענדיג ליצנות גימאכט פון דעם צדיק אונ דאמאלס איז געוועזען שבת פרשת וישלח וואס אונ דער סדרה שטייט דער פסוק על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה דאס איז טייטש דעריבער ווייל דער מלאך האט אנגערירט אונז יעקב אבינום דוך זאלין דיא יודין נישט עסען דעם אדער פון דער דוך אונ דער צדיק האט אליין גילערנט אונ דער תורה מיט זיסקייט אונ דער עילוי יוסף מארלער האט ליצנות גימאכט פון איהם אונ עהר האט גיזאגט מיט ליצנות. אמזל דער מלאך האט נישט אהנגערירט אן דיא שפיטץ בריסט וואס דענסטמאהל האבין מיר ניכט גידארפט עסען שפיצין בריסט. האט מען נאך דעם לייענען דאס דער צעהלט דעם צדיק האט דער צדיק גיענטפערט. אזוי האט ער גיזאגט? נוא איך בין פאר זיכערט דאס זהר וועט זיך טויפין אונ אז מען האט דאס דער צייהלט דעם יוסף מארלער איז עהר שטארק בייז געווארען אונ עהר איז אריבער געפארין צו דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ אונ זהר האט איהם גיזאגט אונ ריבעטיטש איז דא איין רב וואס ער האלט זיך פאר איין רבי אונ עהר האט אויף מיר גיזאגט דאס איך וועל מיך טויפין האט איהם דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ גיענטפערט. אזוי האט ער גיזאגט? נוא מצוה לשמוע דברי חכמים דאס איז טייטש עס איז איין מצוה צו הערין דיא רייד פון דיא חכמים בעווייל דער רבי ר' נפתלי האט גיוויסט אז דער יוסף מארלער איז איין אפיקורוס פון אינווייניג. איז דער יוסף מארלער פארשעמט געווארין אונ ער איז באלד אנטלאפין אונ עטליכע טעג ארום האט ער זיך געטויפט אונ ער איז אלע מאהל גרעסער געווארין צווישין זייא אונ ער איז געווארען איין צענזור און לעמבערג:

## נאך א מעשה וואס דער רבי ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל האט ווערציילט:

דער גאון ר' שמשון אסתרא איז געוועזין איין בעל הבית אונ דער שטאט בוטשאטש אונ איין זיין שכנות האט געוואהנט איינער וואס ער האט געהאט איין שענק אונ ער האט מחלל שבת געוועזען האט איהם ר' שמשון עטליכע מאהל מתרה געוועזין אונ וויא ער האט געזעהן אז ער הערט איהם נישט איז ער ארובער געגאנגין צו דעם רב פון דארטין אונ ער האט געשיקט דעם שמש נאך איהם אז ער זאל זיך קומען לארין מיט איהם אונ אזוי וויא דער שכן האט דער הערט אז ר' שמשון רופט איהם לארין האט ער זיך שטארק פערוואונדערט אויף דעם בעוויל ער האט נישט געהאט מיט איהם קיין שום משא ומתן אונ וויא ער איז געקומען צו דעם רב האט ר' שמשון געטענית בעוויל אונזערע חכמים האבין געזאגט אז דורך חילול שבת איז שולט איין שרפה דערובער מאנט ער זיין שכן אז ער זאל שוין מיין נישט מחלל שבת זיין אדער ער זאל בצאל איהם צו קויפין זיין הויז בעוויל ער האט מורא אז זיין הויז זאל נישט פארברענט ווערין דורך זיין חילול שבת בעוויל זיין הויז איז לעבין דעם שכנ'ס הויז איז ער שטארק פארשעמט געווארען פאר דעם רב אונ ער האט צו געזאגט אז ער זאל שוין נישט מחלל שבת זיין:

## נאך א מעשה וואס דער רבי ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל האט ערציילט:

דער גאון ר' שמשון אינרא'ס זוהן ר' משולם איז צום ערשטען געוועזין רב אונ דער שטאט טיסמניץ אונ דער נאך איז ער געוועזען רב אונ דער שטאט פרעשבערג אונ ווען ער איז געוועזין רב אונ פרעשבורג איז געקומען צו איהם זיין תלמיד ר' הירצל חכהן קיטשניקער ז"ל פון טוסמניץ האט דער גאון ר' משולם געזאגט צו איהם דער ראזינער בעל עגלה פון טוסמניץ קומט א הער אלע ערב שבת נאך צאת הכוכבים מיט איין וואגין מיט סחורה אינ אונזערע חכמים האבין דאך געזאגט אז דורך חילול שבת איז שולט איין שרפה האט דער גאון ר' הירצל פארשטאנין אז דאס איז נישט קיין לערע ווערטער האט ער געקוקט אויף דעם זייגער חיפזי' שעות עס איז אויף דעם טאג אונ ווען ער איז אהיים געקומען האט ער געהערט אז אונ דעם איינינים טאג אונ דער איינינער שעה איז געווארין איין שרפה ביי דעם בעל עגלה אונ זיין הויז איז פאר ברענט געווארין מיט זיין גאנץ פארמעגין

## אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי ר׳ נַפְתָּלִי מֵרָאפְּשִׁיץ זצ״ל הָאט עֶרְצֵיילְט :

איין מאָל אום מוצאי יום הקדוש איז געוואָרין איין גרויסע חמאַרע אונ דער שטאָט פרעשבורג אונ דער גאַנצער עולם האָבין זיך שטאַרק מצער געוועזין בעווייל זייא האָבין נישט געקאָנט מחדש זיין די לבנה ; האָט זיך דער גאון ר׳ משולם איגרא אָנגערופין אונ עהר האָט געזאָגט רבש״ע דיינע קינדער האָבין געפאַסט אונ זייא האָבין זיך אַ גאַנצען טאָג געפּייניגט פאַר וואָס זאָלין זייא נישט האָבין דעם נחת רוח מחדש צוא זיין דיא לבנה אַזוי וויא עהר האָט געזאָגט דיזע ווערטער איז באַלד ליכטיג געוואָרין אונ דיא לבנה האָט אָהן געהויבען צוא שיינען אונ זייא האָבין זיא מחדש געוועזין מיט פיעל פריד :

## נָאךְ אַ וואונדערליכע מַעֲשֶׂה פון דֶעם רֶבִּי׳ן ר׳ נַפְתָּלִי מֵרָאפְּשִׁיץ זצ״ל :

דער צדיק ר׳ צבי איזיק פון דינוב איז איין מאָהל געוועזין שבת אונ דער שטאָט וויעלקאָטש אונ דאָרטין איז געוועזין איין גרויסער חכם אונ איין עילוי אונ עהר האָט געהייסען ר׳ יוסף טאַרלער אונ עהר האָט שטענדיג ליצנות געמאַכט פון דעם צדיק אונ דאַמאָלס איז געוועזין שבת פרשה וישלח וואָס אונ דער סדרה שטייט דער פסוק על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה דאָס איז טייטש דעריבער וויל דער מלאך האָט אָנגערירט אונ יעקב אבינו׳ס דיך זאָלין דיא יודין נישט עסען דעם אָדער פון דער דיך אונ דער צדיק האָט אַליין געלערנט אונ דער תורה מיט זיסקייט אונ דער עילוי יוסף טאַרלער האָט ליצנות געמאַכט פון איהם אונ עהר האָט געזאָגט מיט ליצנות . אַמזל דער מלאך האָט נישט אָהנגערירט אָן דיא שפּיטץ ברוסט וואָס דענסטמאָהל האָבין מיר נישט געדאַרפט עסען שפּיטץ ברוסט . האָט מען נאָך דעם לייענען דאָס דער צעהלט דעם צדיק האָט דער צדיק געענטפערט . אַזוי האָט ער געזאָגט ? נוא איך בין פאַר זיכערט דאָס עהר וועט זיך טויפין אונ אַז מען האָט דאָס דער צייהלט דעם יוסף טאַרלער איז עהר שטאַרק בייז געוואָרען אונ עהר איז אַריבער געפאָרין צוא דעם רבי׳ן ר׳ נפתלי פון ראָפשיץ אונ עהר האָט איהם געזאָגט אונ ריבעטנישט איז דאָ איין רב וואָס ער האַלט זיך פאַר איין רבי אונ עהר האָט אויף מיר געזאָגט דאָס איך וועל מיך טויפין האָט איהם דער רבי ר׳ נפתלי פון ראָפשיץ געענטפערט . אַזוי האָט ער געזאָגט ? נוא מצוה לשמוע דברי חכמים דאָס איז טייטש עס איז איין מצוה צו הערין דיא רייד פון דיא חכמים בעווייל דער רבי ר׳ נפתלי האָט געוויסט אַז דער יוסף טאַרלער איז איין אפּיקורוס פון אונוועניג . איז דער יוסף טאַרלער פאַרשעמט געוואָרין אונ ער איז באַלד אַנטלאָפין אונ עטליכע טעג אַרום האָט ער זיך געטויפט אונ ער איז אַלע מאָהל גרעסער געוואָרין צווישין זייא ביז ער איז געוואָרען איין צענזור אונ לעמבערג :

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבין ר׳ נפתלי מראפשיץ זצ״ל:

דער גאון ר׳ יעקב אורנשטיין פון לעמבערג איז נישט געוועזין דער פער קיין חסיד איין מאהל האט ער שטארק געגליסט צו וויסען אויב דיא זענין אמתע צדיקים פלוצלינג איז ער אנגעשלאפין געווארין אונ ער האט געזעהן אין חלום איין זקן אונ דער זקן האט איהם געזאגט מיין געליבטער דיא זאלסט וויסען אז עס איז נישט אזוי וויא דיא מיינסט בעוויל דיא צדיקים זענין דיא גדולי הדור אונ דורך זייער זכות שטייט דיא וועלט. האט זיך דער גאון באלד אויף געכאפט אונ ער האט געגליסט צו קענין איין צדיק פלוצלינג האט ער געהערט אז דער צדיק פון ראפשיץ קומט אהן איז ער באלד געגאנגין צו איהם אבער וויא דער שראקין איז ער געווארין אז ער האט דער זעהן אז דאס איז דיא איינינע צורה וואס ער האט געזעהן אונ זיין חלום האט איהם דער צדיק געפרעגט מיט געלעכטער נוא לעמבערגער רב איזט איך שוין נישט קשה:

## נאך א מעשה וואס דער רבי ר׳ נפתלי מראפשיץ זצ״ל האט ער ציילט:

דער צדיק ר׳ יצחק פון האמבורג האט זיך משדך געוועזין מיט דעם צדיק ר׳ יעקב פון ליסק אונ דיא כלה דיא טאכטער פון דעם צדיק ר׳ יצחק׳ס איז געוועזין נאר איין מוסע אונ ביא דיא תנאים זענין דער חתן מיט דער כלה נישט געוועזין. נאר אז עס איז געקומען צו דער חתונה האט דער צדיק ר׳ יעקב דער פאטער פון דעם חתן אונ זיין ווייב געזעהן דיא כלה האבין זייא זיך שטארק מצער געוועזין אונ זייא האבין געוואלט אפ לאזין דעם שידוך האט דער צדיק ר׳ יצחק צו אום געזאגט וויל אזוי זאגט איהם אפ לאזין איידער מען פרעגט דעם חתן לאז מען רופין דעם חתן אונ מען זאל איהם פרעגין. האט מען איהם גירופין אונ מען האט איהם געפרעגט אויב ער וויל דיא כלה האט ער זייא געענטפערט איך ווייס נישט אויב עס געפינט זיך איין שענערע אשה פון איהר אויף דער גאנצער וועלט אונ דורך דעם איז זיין פאטער געניטיגט געוועזין צו מאכין דיא חופה. אונ דער צדיק ר׳ יצחק האט געהאט צו געזאגט זעקס הונדערט רענדליך אונ מסלק צו זיין פאר דער חופה וויא עס איז געקומען פאר דער חופה האט ער נישט געוואלט מסלק זיין איז געווארען איין קריג צווישין דיא מחותנים אונ פון דעסט וועגין האט דער חתן אויף דעם אויך באשטאנין אונ מען האט געשטעלט איין חופה. אונ באלד נאך דער חופה האט דער צדיק ר׳ יצחק ארויס גענומען זעקס הונדערט רענדליך אונ ער האט איהם געגעבין. איז דער צדיק ר׳ יעקב שטארק בייז געווארען אונ ער האט איהם געזאגט דער פער הזוב איך גימיינט אז איהר האט נישט אבער יעצט אז איך זעה אז איהר האט יאה געהאט דאס געלד זעה זיך דאך

וא

אז איהר האט מיך נאר געוואלט מצער זיין האט דער צדיק ר' יצחק' געענטפערט ח"ו איך האב אייך נישט געמיינט צו דער צערנען נאר אונזערע חכמים זאגען דאך אז דער וואס נעמט איין ווייב ווענען שיינהייט אדער ווענען געלד האט ער שלעכטע קינדער. אונ איך האב געזעהן אז מיין איידים האט נישט גענומען מיין טאכטער ווענען שיינקייט בעוודאי מיין טאכטער איז דאך נישט קיין יפ"ה האב איך איהם נאך געוואלט פרובירן אויב ער נעמט זיא ווענען געלד דעריבער האב איך נישט געוואלט מסלק זיין פאר דער חופה. אונ איך האב יעצט געזעהן אז ער האט זיא נישט גענומען ווענען געלד אויך:

---

## נאך איין ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

איין מאל זיינען געפאהרען דער צדיק פון אפטא אונ דער צדיק פון ריזין אונ דער צדיק פון ראפשיץ בשותפות. האט דער ריזינער געזאגט צו דעם ראפשיצער. ראפשיצער רב איך האב געהערט אויף אייך אז איהר זאגט דער חכם הדור דער ציילט זשע מיר עפיס איין מעשה. האט ער איהם געזאגט איך וועל אייך פערציילען וואס איך בין א מאל געוועזען א רבי אונ מיין יונגער בין איך א מאל געפאהרן מיט פיהל חסידים קיין לובלין. אונ אום מיטען וועג איז אונז אויס געגאנגען דאס געלד אונ קיין ברויט האבין מיר שוין אויך נישט געהאט אונ מיר ווענין געקומען לעבין איין קרעטשמע אונ איך האב ניט געקאנט דעם בעל הבית פון דער קרעטשמא אז ער איז איין גרויסער קמצן אונ ער גיט נישט קיין שום ארימאן צי עסין אונ ער האט נישט געוויסט פון קיין שום רבי'ן נאר פון ר' מאיר בעל הנס אונ ער האט געהאט איין פושקע וואס דארטין האט ער שטענדיג אריין געלייגט געלד ווענין ר' מאיר בעל הנס אונ ער האט נישט געגלייבט קיין שום מענטש נאר ער האט געזאגט ביז ר' מאיר בעל הנס וועט אליין קומען נעמין דאס געלד אונ אלע חסידים האבין זיך געבעטין אז איך זאל געבין איין עצה ווי מען זאל נעמין צו עסין האב איך זיי געזאגט איך האב איין גוטע עצה נאר בתנאי אז איהר זאלט אייך קאנין אויף האלטין פון גילעכטער אז איהר זאלט נישט לאכין האבין זיי גענומען אויף זיך האב איך זיי געזאגט גייט פאר אויס אונ דער קרעטשמע ארין אונ זאגט אז איין רבי פארט אונ ער וועט אייך בוודאי פרעגין ווער דאס איז זאלט איהר איהם ענטפערין אז דאס איז ר' מאיר בעל הנס'ס איידים האבין זיי אזוי געטאן. האט זיך דער רענדאר זייער געפרייט אונ ער איז מיר אקעגין געגאנגען מיט געזאנג אונ מיט פרייד אונ ער האט מיר געמאכט איין גרויסע סעודה אונ האט מקבל פנים געווען מיט מענטשין אויף געהאלטין עטליכע טעג אונ ער האט מיר געזאגט אז ער ווארט שוין עטליכע יאהר אויף מיר איך זאל נעמין מיין שווערס געלד דער נאך האט ער ארויס גענומען דאס גאנצע געלד

געלד פון דער פישקע און ער האט מיר גיגעבין און מיר זענין אוועק געפארען פון דארט זייער פריידיק און לובלין האב איך דאס גאנצע געלד אוועק גישיקט קיין ארץ ישראל. אזוי וויא דער ראפשיצער האט אויף גיהערט צו דער צייליו האט דער ריזינער גיזאגט איך האב גיהערט אויף אייך אז איהר זענט דער חכם והדור אבער אזוי ווייט האב איך נישט גיוויסט:

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

דער צדיק ר' ישראל פון בארנוב האט דער ציילט אז א יאהר נאך זיין זיידינס פטירה וזיין זיידע איז געוועזן דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ האט ער חתונה גיהאט און ביי דער חופה האט ער גיפיהלט אז איין מענטש שטייט אונטער איהם און לייגט ארויף זיין האנד אויף איהם און בענטשט איהם איז דיא זאך איהם געוועזין איין פלא און ער האט גיקלערט ווער קאן דאס זיין זאל דאס זיין דער טאטע איך ווייס דאך אז דער טאטע בענטשט נישט קיין שום קינד ביי דער חופה זאל דאס זיין דער שווער ר' דוד ווער איז דער מענטש וואס ער זאל זיך אונטער שטעלין ארויף צו לייגין זיין האנד אויף מיין קאפף אז דער טאטע שטייט האט ער זיך אום גידרייט אונטער זיך האט ער גיזעהן אז זיין זיידע דער ראפשיצער שטייט ביי איהם און בענטשט איהם:

## אך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

דער צדיק ר' אלעזר פון דזיקוב און דיא ערשטע יאהרין נאך דער פטירה פון זיין פאטער דער צדיק פון ראפשיץ איז ער אלע יאהר געפארען אויף זיין יאהר צייט קיין לאנצוט צו גיין אויף זיין קבר. איין מאל ווען ער איז געקומען קיין לאנצוט און דער נאכט פון דער יאהר צייט איז זיין פאטער געקומען צו איהם און חלום און האט איהם גיזאגט מיין טייערער זוהן וויא ניט איז דא צו ליגען קים און ליג סיט מיד האט ער איהם גיענטפערט איך וויל נישט איך בין א טאטע פון קינדער דער עולם דארף מיך און דיא קינדער דארפין מיך אויך איך וועל נישט שטארבין נאר לעבין. און אזוי וויא ער האט זיך אויף גיחאפט האט ער באלד גיהייסען איינ שפאנין דיא קאטש א זייט צו פארין און ער איז שוין נישט גיגאנגען אויף זיין קבר זונ רעכט טאג און פון דאמאלס זוהן האט ער שוין קיין שום יאהר נישט גיוואלט פארען אויף דער יאהר צייט:

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

דער נגיד ר' נפתלי הורוויץ איז איין מאל געוועזין ביי דעם ראפשיטצער איז ער איין מאל אריין געגאנגען און קעגן אריין האט ער געזעהן אז דער צדיק פון צאנז און דער צדיק פון קאמינקא זענין דארטין געזעסין און געשיילט קארטאפליס און זיי זענין דאמאלס נאך געוועזען יונגע לייט. דער ווייל איז דער רבי אריין געקומין און קעגן אריין און האט געזאגט צו צו דעם נגיד ר' נפתלי זעהסט דיא דעם לאטען וואס האט ער גענומען דעם צדיק פון צאנז דיא וועסט א מאל שטיין אהאלבע שעה ביי זיין טיהר ביז מען וועט דיך לאזין אריין געהן. און נאך דעם ראפשיצערס פטירה איז דער ר' נפתלי געשט געפארען צו קיין שום צדיק ווענין אלטקייט. און דער שם פון דעם צאנזער איז אלע מאהל גרעסער געווארין און עס איז דעם נגיד ר' נפתלי'ן אפילו אויף דער דעה ניט אויף געגאנגען צו פארין צו איהם. נאר עס האט זיך געטראפען איין מבת עס איז געוועזין איין גרויס מחלוקת צווישין זיין משפחה ווענין ירושה און זיי האבין זיך בשום אופן ניט געקענט אויס גלייכען האבין זיי זיהם געשיקט צו דעם צדיק פון צאנז אז ער זאל אויס גלייכען צווישין זיי און דער צדיק האט איהם שטארק מכבד געוועזן. און איין מאהל איז געוועזן זייער איין גרויסער עולם און צאנז וואס זיי זענין געקומען צו דעם צדיק האט ער בשום אופן ניט געקענט אריין געהן און ער איז געשטאנין א האלבע שעה ביי דער טוהר און נאך דער האלבער שעה האט דער צדיק אליין געעפינט דיא טיהר און האט געזאגט זעהסטו זיא דעם רבינ'ס ווארט איז מקוים געווארען:

## נאך א מעשה פון דעם רבי'ן ר' מאיר'ל מדזיקוב זצ"ל:

דער צדיק ר' מאיר פון דזיקוב ווען עס איז געוועזין דאס מחלוקת פון צאנז מיט סאדיגורא און ער האט געזעהן אז דיא חסידים הייבין זיך אהן צו מישען און דעם האט ער זיי געזאגט עס שטייט און ילקוט איין משל אז א לייב איז איין מאל זייער הונגעריג געוועזען בעוומל עס איז שוין פאר ביי געגאנגען דריי טאג און ער האט ניט געפינען קיין פאר ציקינג ביז ער האט געקריגען א ריח הפה און ער האט געזעהן אז עס איז ניטש דא קיין ברירה האט ער זיך געהויבין צו ברימען איז געקומען איין פערד. האט ער געזאגט צו דעם פערד שמעק נאר אריין דיין נאז און מיין מויל אריין און זאג מיר אויב דיא פיהלסט איין שלעכטין ריח פון מיין מויל. האט דאס פערד אזוי געטאהן און האט געזאגט דעם לייב אז עס איז אמת מען פיהלט טאקי איין שלעכטין ריח פון דיין מויל. האט איהם דער לייב געזאגט דיא שוטה וויא אזוי האסט דיא דיך אונטער געשטעלט

בּײַשטעלט צו זאָגין דעם מלך אַז מען פֿיהלט אײן שלעכטין ריח פֿון זײַן מויל דיא בּיזט דאָך אײן מורד בּמלכות קומט דיר צו הארגינין האָט ער איהם גיטײַט אונ האָט אויף גינעסין זײַן פֿלײש. עס איז פֿאַר בּײַא גינאַנגין נאָך דרײַא טאָג האָט ער ווײַטער נישט געפינען וואָס צו פֿערציקין האָט ער נאָך אַ מאָהל אָהן גיהויבין צו ברימין איז געקומען אײן וואָלף האָט ער איהם גיזאָגט זאָג מיר צו מען פֿיהלט אײן שלעכטין ריח פֿון מײַן מויל האָט זיך דער וואָלף גיקלערט אונ זײַן הארצין אַז איך וועל זאָגין דעם מלך אַז ער האָט אײן ריח הפּה וועל איך דאָך זײַן אײן מורד בּמלכות דעריבּער האָט ער איהם גיזאָגט אַז ער פֿיהלט נישט קײן שום שלעכטין ריח האָט איהם דער לײב גיזאָגט איך האָב דיך געבּעטין דיא זאָלסט מיר זאָגין דעם אמת האָסטו מיר גיזאָגט ליגען זאָלסטו וויסען אַז עס קומט דיר צו טײטין האָט ער איהם אויך גיטײט אונ ער האָט אויף גינעסין זײַן פֿלײש. דער נאָך זענין איבּער גינאַנגין נאָך דרײַא טעג אונ ער האָט ווײַטער נישט גיהאַט וואָס צו עסין האָט ווײַטער אָהן גיהויבין צו ברימין איז געקומען אײן פֿיקס וואָס ער איז דער קלינגסטער פֿון אַלע חיות האָט איהם דער לײב גיזאָגט זאָג מיר דעם אמת צי איך האָב אַ ריח הפּה צו נישט האָט דער פֿיקס גיענטפֿערט אונ האָט גיזאָגט ארוני המלך אַז עס איז געקומען רײַן גישרײַא אונ מײַנע אויערען האָבּ איך מיך זײער דער שראָקין אונד האָבּ בּעקומען אײן נאָזען קאַטאַר אונ איך פֿיהל נישט קײן שום ריח דאָס איז דאָס משל. אונ אַזוי אויך איהר חסידים בּעקומט דען קאַטער אונד פֿיהלט נישט דאָס מחלוקת אונ איהר זאָלט אײַך דערינען נישט מישען בּעוועל איהר וועט זײַן אײַן גישטעלט מיט דעם לעבּין:

## נאָך אַוינדערליכע מעשה פֿון דזיקובער:

דער צדיק ר׳ אלעזר פֿון דזיקוב האָט גיהאַט אײן זוהן ר׳ משה פֿון ראָזווידוב אַז מען האָט אַ תּב אויף גענומען קײן ראָזווידוב איז געקומען צי איהם אײן מענטש אונ האָט איהם גיזאָגט אַז ער וויל האָבּין אײן דין תורה מיט אײן דאָרפֿס מענטש האָט ער גישיקט דעם שמש נאָך דעם דאָרפֿס מאַן אַז ער זאָל קימען האָבּין׳ אײן דין תורה האָט דער דאָרפֿס מאַן נישט גיוואָלט קומען צי דעם דין תורה. האָט דער רבי ר׳ משה גיזאָגט אַז ער וויל נישט קומען צו מיר צו דעם ד״ת וועט מען איהם בּקרוב בּרענגין אויף דער מטה אונ שטאָט אַרײַן אונ עס איז טאַקי אַזוי געוועזען אונ אַז זײַן פֿאָטער איז דאָס גיוואָהר געוואָרען האָט איהם שבאַרק פֿאַרדראָסין אויף איהם אונ ער האָט גיזאָגט אַקינץ מען ניט אַ ביקס אונ דער האַנד שיעסט מען שוין? אַ זשענראַר האָט אויך אַ ביקס אונ פֿון רעסט וועגין שיעסט ער נישט תיכף:

## נאך א מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

אז דער צדיק פון ראפשיץ איז נפטר געווארן איז רבי געווארן זיין איידים ר' אשר איין מאהל איז געקומען צו איהם דיא מיטער פון דעם גאון ר' ירוחם פון מאָנא אונ זיא האט איהם געפרעגט וועגין איין שידוך וואס מען האט גירעדט דעם ר' ירוחם מיט איין גביר צו זיא זאל מאכין דעם שידוך צו גיין האט ער איהר געענטפערט צו דעם שידוך איז נאך דא איין לאנגע צייט צו דעם שידוך האט איהר נאך צייט אונ דורך דעם האט זיא גימאכט איין אנדערין שידוך אונ יענער גביר האט אויך גימאכט איין אנדערין שידוך אונ דער ר' ירוחם האט גיוואהנט מיט זיין ווייב צוואנציג יאהר אונ ער האט נישט זוכה גיוועזין צו קיין קינדער דער נאך איז ער איין אלמן גיווארין פון זיין ווייב אונ יענעם גבירס טאכטער איז אויך איין אלמנה גיווארין פון איהר מאן. האט דער ר' ירוחם זיא גענומען פאר איין ווייב:

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

דעם ר' אשר'ס פאטער ר' יוסף משה איז געוועזין רב אונ דער שטאט זאלין. איין מאהל האט איין דארפס מאן וואס דארף איז געוועזין צווישין זאלין אונ צווישין ראפשיץ חתונה גימאכט איין זוהן האט ער גישיקט איין וואגין נאך דעם גאון ר' יוסף משה קען זאלין אז ער זאל קומען מסדר קידושין זיין אונ אז ער האט גיזעהן אז דער רב פאר זוימט זיך זייער האט ער גימאכט דיא חופה אהן איהם אונ איין מענטש וואס האט גיקענט אביסיל לערנין האט מסדר קידושין געוועזין אונ אזוי ווייא דער רבי ר' אשר איז דאס גיוואהר געווארין האט ער גישיקט רופין דעם דארפס מאן אונ האט אהן גישריגין אויף איהם אונ האט איהם גיזאגט אז עפ"י דין מאר דאס פאר-פאלק נישט וואהנין באנאנדער צייטין ער וועט נאך א מאל מאכין איין חופה אונ זיין פאטער דער רב זאל מסדר קידושין זיין אונ פאר דעם מוז ער איהם געבין הונדערט רוביל. איז דער דארפס מאן גיניים געוועזין צו געבין דיא הונדערט רוביל אונ ער האט נאך אמאה"ל גימאכט דיא חופה אונ זיין זוהן האט מסדר קידושין געוועזין אונ דער נאך האט ער גישיקט צו זיין פאטער פופציג רוביל אונ פופציג רוביל האט גענומען זיין זוהן ר' מנשה וואס האט מסדר קידושין גיוועזין:

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

איין מאל האט איין יונגערמאן גיזעהן דעם צדיק ר' נפתלי פון ראפשיץ אז נאך דעם וואס ער איז ארוים גיגאנגין פון מרחץ האט ער זיך אפ גישניטין דיא נעגיל איז דאס איהם געוועזן א פלא אונ זיינע אוינין בעוויל

עם

עס שמעקט דאך אונ הייליגע ספרים אז מען זאל אפ שניידין דיא נעגיל איידער מען נימט אונ מרחץ ארויין . האט ער גיפרעגט דעם צדיק וועגין דעם האט ער איהם גיזאגט אז ער זאל פאסטין דרייא טאג אונ דער נאך וועט ער איהם אויס זאגין זיין כונה. האט דער יונגער מאן אזוי גיטאהן אונ נאך דרייא טעג איז ער געקומין צו איהם . האט איהם דער צדיק גיזאגט . וויל דיא נעגיל זענין דאמאלס וויך אונ שניידין זיך דאמאלס בעסער ;

## נאך אווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל :

עס איז איין מאהל געקומען צו דעם רבי'ן ר' נפתלי איין זקן איין גרויסער חסיד ער פלעגט פאסטין פיהל תעניתים אונ נאך כדומה נאר זיינע מעשים זענין ניט גיוועזין לשם שמים נאר פאר מענטשענס אויגין כדי מען זאל ערליך האלטין איהם אונ אז ער איז גיזעסין אונ איין תענית האט ער גימאכט אז מענטשין זאלין וויסען דער פון אונ אז ער איז גיקומין צו דעם רבי'ן ר' נפתלי איז גיוועזן אום זומער אונ ער איז גיגאנגין אונטער דעם העטר איין גראבין זאק אונ אזוי וויא ער איז געקומען צו דער שוועל האט ער אהן גיהויבין צו רייבין מיט זיין האנד אויף דעם העמד כדי מען זאל ארויס זעהן דעם זאק אונ מען זאל איהם מכבד זיין . אבער דער צדיק האט פארשטאנין זיין כונה האט ער אריין גירופין דעם משמש וואס ער איז גישטאנין אין דרויסען אונ האט אהן גיוויזען אויף דעם חסיד אונ האט גיזאגט זעה וויא גרויס דער כח פון דעם יצה"ר איזט ער האפט נאר אזא אלטין יוד אונ זאק אריין :

## נאך אווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל ;

איין מאל איז גיקומין צו איהם איין בעל עבירה וואס ער האט גיוואלט נעמין ביי דעם רבי'ן איין תשובה אויף זיינע זינד . נאר ער האט זיך גישעמט מתודה צו זיין פאר דעם רבי'ן אונ ארויס צו זאגין אלע זיינע זינד אז ער זאל אויף איטליכען איינצינגען ארויס נעמין איין תשובה האט ער גיזאגט צו דעם רבי'ן אז איינער פון זיינע פריינד האט איהם גישיקט צו דעם רבי'ן אז ער זאל זאגין דעם רבי'ן דיא זינד אונ דער רבי זאל איהם ארויס געבין א תשובה אויף זייא בעוויל ער אליין שעמט זיך צו קומען צו דעם רבי'ן אונ דער רבי האט אבער דערקענט אז ער זאגט ליגענט אונ באמת איז ער אליין דער בעל עבירה . האט דער רבי גיזאגט אויף דעם משמש וואס אויף איהם האט דער בעל עבירה גיזאגט אז ער שעמט זיך צו קומען אליין א שוטה א סכל !

פאר

פאר וואס איז ער נישט געקומען אליין און ער וואלט דאך געוועזן געקענט זאגן אז ער וויל די תשובה פון איין אנדערין מענטשענס וועגן, וואלט ער זיך דאך שוין נישט גיהאט וואס צו שעמין :

## אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי ר׳ נַפְתָּלִי מְרָאפְּשִׁיץ זצ״ל הָאט עֶרְצֵיילְט :

ווען דער רבי פון לובלין איז נפטר גיוואָרין האָט דער רבי ר׳ נפתלי גענומען איין רידעל און האָט איהם ארויף גילייגט אויף זיין אקסיל און ער האָט זיך זיינע מלבושים איבער גיוואָרפין אונטער זיך אזוי וויא איין ארבייטער און האָט גיזאָגט אזוי וויא זיין שטייגער איז גיוועזן אלס צו רעדין מיט גילעכטיר אזא פנים האָט מען אז מען באַגראָבט דעם רבי'ן. און דער רב פון לובלין דער אייזערנער קאָפּ האָט גיזאָגט צו דעם גבאי פון דער חברה קדושה אז מען זאָל דעם רבי'ן נישט נעבין קיין קרקע אויף דעם בית הקברות. בעווייל ער איז גיוועזין פון דיא מתנגדים איז גיגאַנגין דער רבי ר׳ נפתלי צו איהם און האָט זיך מתוכח גיוועזן מיט איהם היתכן מען זאָל איהם נישט געבין קיין קבר לאָז זיין אוף וועליכען אורט עס איז אבי אוף דעם בית הקברות. האָט ער שוין גינעבין רשות אז מען זאָל איהם געבין איין קבר אויף דעם בית הקברות נאָר פון דיא גימיינע קברים. און דער רבי ר׳ נפתלי האָט אָב גיהאַנדילט מיט דיא באַגרעבערם אז ווען מען וועט גייען זוכען איין קבר אז ער וועט צי זייא ווינקען אז זייא זאָלין אָהן הייבין צו גראָבין זאָלין זייא באַלד אָהן הייבין און ער האָט זייא פאַר דעם גיט באַצאָהלט און ער איז גיגאַנגין מיט דעם גבאי זוכען איין קבר און דאמאָלס איז גיוועזין איין פונצטערע נאַכט און איין שטאַרקער רעגין און זייא זענין גיגאַנגין הין און צוריק און דער רבי ר׳ נפתלי האָט אלע מאָהל גיזאָגט צו דעם גבאי עס איז מיר נישט קיין נפקא מינה עס מעג זיין וויא עס איז און עס איז מיר נישט קיין נפקא מינה צו מען וועט איהם געבין איין חשוב אָרט צו נישט. און אז זייא זענין געקומען צו איין אָרט וואו דער רבי ר׳ נפתלי האָט פאַרשטאַנין אז דאָרט וועט זיין דעם רבי'ן פונדלינג זיין כבוד. האָט ער גיזאָגט פון מיינעט וועגין מעג עס אפילו דאָ זיין און ער האָט גינעבין איין ווינק צו דיא באַגרעבערם האָבין זייא באַלד אָהן גיהויבין צו גראָבין דער וויילע האָט דער גבאי דער זעהן אז דאָס איז דאָס בעסטע קבר האָט ער אָהן גיהויבין צו שרייען אז ער קאָן בשום אופן נישט נעבין דאָס אָרט. דער ווייל אזוי וויא זייא זענין גישטאַנין און גיטענית אייגער מיט דעם צווישען איז דיא קרקע שוין גיוועזן אויס גיגראָבין און עס האָט שוין נאָר נישט גיהאָלפין בעוויל מען טאָר נישט משנה זיין :

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ האט זיך שטענדיג גירימט אז ער האט גינומען די ערשטע ברכה פון זיין רבי'ן פון לובלין איידער ער איז נתגלה געווארן אויף דער וועלט פאר איין רבי אונ די מעשה איז אזוי געוועזן אז דער רבי פון לובלין איז געקומען צו דעם צדיק ר' מיכלי פון זלאטשוב ז"ל איז דאמאלס דארטין געוועזין דער רבי ר' נפתלי אונ זיין יוגענד האט ער דער פיהלט דאס גרויסקייט פון דעם רבי'ן פון לובלין אונ אז דער רבי איז פון דארטין אוועק געפארען צווישין נאך חסידים איז דער רבי ר' נפתלי נאך גילאפין נאך דעם וואגין אונ ער האט גיזאגט צו איהם רבי בענטשט מיך אונ די חסידים האבין איהם גירעניגט פאר איין משוגע בעווייל זייא האבין נאך דאמאלס נישט גיוויסט דאס גרויסקייט פון דעם רבי'ן פון לובלין איידער ער איז מפורסם געווארין אויף דער וועלט אונ דער רבי פון לובלין האט אויך נישט גיוואלט איהם בענטשין. אבער דער רבי ר' נפתלי האט נישט גילאזט פארין דעם וואגין ביז ער וועט איהם בענטשין. האבין די חסידים גיזאגט צו דעם רבי'ן פון לובלין. נא לייגט שוין ארויף די האנד אויף דעם יונגען מאן אונ בענטשט איהם האט ער איהם גיבענטשט. אונ דער נאך אז דער רבי איז מפורסם גיווארין. האט דער רבי ר' נפתלי זיך גירימט אז ער האט גינומען ביי איהם די ערשטע ברכה:

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

איין מאהל איז ביי איהם געוועזין זיין ברודער ר' יוקיל פון סטריא איז ארין געקומען איין אשה אונ זיא האט פיהל גירעדט צעהן טעפ רייד. האט זיין ברודער ר' יוקל אהן גיהויבין צו לאכין בעוויל ער איז נישט גיוואהנט גיוועזין דער מיט בעוויל ער האט גיוויסט אז איין רב דארף נאר ענטפערין כשר אדער טרפה אונ מיין נישט. אונ אז די אשה איז ארויס גינאנגין האט ער גיזאגט צו זיין ברודער זאלסט וויסען מיין ברודער אז פאר דעם וואס איך האלט מיך איין איך זאל נישט לאכין געב איך דעם פדיון. האט זיין ברודער גיזאגט צו איהם עס איז אמת אזוי וויא דיא זאגסט בעוויל עס זעהן נישט פיהל דיא וואס קאנין ליידען פיהל נארישע רייד אהן צארין האט ער דאמאלס אויף גיהויבין זיינע אויגען צו דעם הימעל אונ האט גיזאגט מיין ליבער ברודער זעה נאר דאס פישקאלי טאביק אונ מיין האנד אונ איך שמעק דאך נישט פאר וואס זשע האלט איך דאס אונ מיין האנד. נאר זאלסט וויסען אז איך האב מיר גימאכט איין גיטע סגולה אויף כעס אז איך זעה אז איך קים צו כעס געב איך ארין דעם כעס אונ דעם פישקאלי ארין:

## נאָך אַוואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר׳ נפתלי פון ראָפּשיץ זצ"ל:

אַז דער רבי ר׳ נפתלי האָט געוואָלט אַ שידוך טאָהן מיט זיין טאָכטער האָט מען איהם גירעדט מיט דעם רבי'ן ר׳ אָשר איז ער אַרובער גיפאָרן קיין לובלין צו דעם רבי'ן און ער האָט איהם גיפרעגט וועגין דעם שידוך האָט דער רבי איהם גיענטפערט אַז ער זאָל נישט טאָהן דעם שידוך. אָבער דער רבי ר׳ נפתלי האָט גיזעהן אַז דער בחור איז איין טייערע כלי האָט ער נישט גיהערט דעם רבי'ן פון לובלין און ער האָט זיך משדך גיוועזין מיט איהם און נאָך דער חתונה איז ער גיפאָרין מיט זיין איידים קיין לובלין און אַז דער רבי פון לובלין האָט איהם דערלאַנגט זיין האַנט האָט ער גיזאָגט אָה אַגוט קרבן פסח'יל נוא חכם עדיף מנביא דאָס הייסט אַז אַ חכם איז בעסער ווי אַ איין נביא דאָס האָט ער גימיינט דעם רבי'ן ר׳ נפתלי'ן אַז ער האָט גיט גיפראָגין מיט זיין חכמה. און דאָס וואָס ער האָט גיזאָגט דעם רבי'ן ר׳ אָשר אָה אַגוט קרבן פסחיל' האָט קיין שום מענטש גיט פאַרשטאַנין נאָר נאָך דעם וואָס דער רבי ר׳ אָשר איז נפטר גיוואָרין אום ערב פסח האָט מען שוין פאַרשטאַנין דעם רבי'נס כוונה:

## נאָך אַוואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר׳ נפתלי מראָפּשיץ זצ"ל:

איין מאָהל איז גיוועזען בייא דעם רבי ר׳ נפתלי פיהל אורחים און ברוים איז גיוועזען וויניג אויף דעם טיש. האָט ער גיזאָגט צו דעם גבאי ווען ער האָט גישניטין דיא מוציא. שנייד דין און עסט מיט רחמים דאָס הייסט שנייד דינע מוציא און עסט ווייניג און ער האָט פאַר איין הלצה דערמאָנט דין און רחמים:

## נאָך אַ מעשה פון דעם רבי'ן ר׳ נפתלי מראָפּשיץ זצ"ל:

איין מאָהל איז געקומען צו דעם רבי'ן ר׳ נפתלי איין חברה חסידים און איינער איז געוועזין צווישין זייא וואָס ער האָט זיך גיפיהרט אַזוי ווי דיא אשכנזים האָבין זייגע חברים גימסירת אויף איהם פאַר דעם צדיק אַז ער האָט גיגעסין גיווייקטע מצה אום פסח און זייא האָבין גימיינט אַז ער וועט איהם שטראָפין אויף דעם. אָבער דער צדיק האָט גימאַכט גלייך ער איז בייז און ער האָט גיפרעגט דעם מענטש צו האָסט דיא גיהערט וואָס מען זאָגט אויף דיר צו איז דאָס אמת און דער מענטש האָט גיוויסט אַז עס וועט נישט פועלין קיין ליקינינגען בעווייל עס איז פאַר איהם אַלץ אַנפּלעקט האָט ער מודה גיוועזין און האָט גיזאָגט עס איז אמת. האָט דער צדיק גיזאָגט

צו

צו דעם נביא אז ער זאל איהם ברענגען דעם מחזור פון דיא ימים נוראים. אונ אלע האבען געמיינט אז ער וועט איהם פון מחזור ארויס געבען איין עונש בעווייל ער האט גימאכט גלייך ער איז בזיון. האט ער אויף גיעפינט דעם מחזור אויף דעם ארט וויא עס האבען זיך אהן דיא גרויסע יוצרות אנסיכה. אונ אהללה. אונ האט צו גירופען דעם מענטש אונ האט גיזאגט צו איהם אז דיא ביזט טאקי איין אשכנזי זאגזשע דיא יוצרות בעוועיל איין אשכנזי מענטש דארף זאגין דיא גרויסע יוצרות אויך:

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' נפתלי האט שטענדיג ליב גיהאט צו זאגין ווערטליך איין מאהל האט דער רבי פון לובלין צו איהם גיזאגט אז ער זאל אויף זיך נעמין אז ער זאל א גאנץ יאהר נישט זאגין קיין ווערטליך האט ער אויף זיך גענומען אונ פונקט אטאג נאך דעם יאהר האט דער רבי שטארק מאריך גיוועזין ביא דער שמונה עשרה. האט דער רבי ר' נפתלי גיזאגט צו דיא חסידים איהר זאלט וויסען אז דער רבי האט זיך יעצט ביא דער שמ"ע דער מאנט פון זיין חתונה אונ נאך דעם דאווינען האט מען דאס דערציילט פאר דעם רבי'ן אז ער האט נישט גיהאלטין זיין ווארט האט איהם דער רבי גיפרעגט אויף דעם האט ער גיענטפערט איך האב אויף מיר נישט גענומען נאר אויף איין יאהר. אונ דער רבי איז דאך גישטאנען שמ"ע א יאור מיט א מיטוואך האט איהם דער רבי גיפרעגט זאג מיר וואס האסטו גיזאגט האט ער איהם גיזאגט האט דער רבי גיזאגט צו דיא חסידים אז ער זאגט אמת. בעוועיל ביא זיין חתונה האט איהם דיא רביצין גיבעטין אז ער זאל איהר צו זאגין אז זיא וועט דארפין איין טובה אויף יענים עולם זאל ער איהר טאהן. האט ער איהר צו צו גיזאגט. אונ יעצט ביא דער שמונה עשרה איז זיא געקומען צו איהם אונ זיא האט איהם גיבעטין וועגין דעם אונ דעריבער איז ער היינט לאנג גישטאנין די שמונה עשרה:

## וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' חיים פון צאנז אונ דער רבי ר"ש פון קאמינקע האבין גילערינט ביא דעם רבי ר' נפתלי פון ראפשיץ איין מאל זענין זייא ביידע גיגאנגין אונ דער פריא נעבין איין הויף האבין זייא דורך גיזעהן דורך זיא שפארים אז זייער רבי קאקילט זיך אונ דעם שנייא פאר איין סינוף. אונ דער קאמינקער רב אזוי וויא ער האט דאס גיזעהן איז ער שטארק טרויריג געווארין אונ ער האט שטארק גיוויינט אונ האט גיזאגט דער

דער רבי קאָהקולט זיך און שנייא וואָס וואַל איך נאָך מאַן און דער צאַנזער רב האָט איהם פיהל גישריהען און גירעדט אויף זיין הארץ און זייא האָבין זיך אַזוי לאַנג מתוכח געוועזין ביז זייא האָבין פאַרשפּעטיגט צו קומען צו דעם רבינס דאַווינען ביז מען דעם דאַווינען און אז זייא זענין געקומען האָט ער זייא גישריען. פאַר וואָס האָט איר אייך היינט פאַרשפּעטיגט צו קומען האָבין זייא איהם גיענטפערט מיר האָבין זיך נישט גיקענט מכוין זיין האָט ער זייא גיענטפערט מיט א גישרייא איהר וואָלט מיר נישט געוועזין נאָך קיקען וואָלט איהר דאָך אייך געוועזען גיקענט נאָך מכוין זיין צו דעם דאַווינען אז מען קיקט נישט נאָך קען מען זיך מכוין זיין:

## א מעשה פון דעם רבין ר' נפתלי מראָפּשיץ זצ"ל:

דער רבי ר' נפתלי האָט שטענדיג אַלע נאַכט אָב גיריכט חצות און ער האָט שטאַרק גיקלאָגט אויף דעם חורבן בית המקדש און ער האָט זיך גיוואָרפין אויף דער ערד און דאָס אַלעס האָט ער גיטאָהן ווען ער איז גיוועזין פאַר שלאָפין און דעם בית המדרש און קיין שום מענטש האָט דער פון נישט גיוויסט. איין מאָהל האָט ער פאַרגעסין צו פאַר שפּאַרען דיא טיהר, איז פּינקט אריין געקומען איין בעל הבית פון זיין שטאָט און ער האָט דאָס און גאַנצין גיזעהן און דער צדיק האָט דאָס נישט גיוויסט אז איין מענטש שטייט און זעהט זיינע מעשים און אַזוי וויא ער האָט גיענדיגט זיין עבודה האָט ער איהם דער זעהן האָט ער פאַרשטאַנין אז ער חעט זעכער גיזעהן און דיא נאַסין און דער צוויפין און ער האָט אָבער גיוואָלט פאַר באָרגין זיינע מעשים האָט ער גיזאָגט צו דעם מענטש דיא האָסט גיזעהן וואָס איך האָב גיטאָהן און וויא אַזוי מיין פּיראָבין איז האָט ער איהם גיענטפערט אמת איך האָב גיזעהן רבי אַזוי איין זאַך וואָס איך האָב דאָס קיין מאָל נישט גיוויסט האָט זיך דער צדיק אָהן גירופין ראָפּשיץ ווייסט נישט דאָס גרויסקייט פון זייער רב או דאָס האָט ער גיזאָגט צו נאַרי דעם מענטש ער זאָל מיינען א ער האַלט זיך גרויס מיט זיינע מעשים:

## נאָך א היגרערליכע מעשה פון דעם רבין ר' נפתלי מראָפּשיץ זצ"ל

דער רבי ר' נפתלי האָט שטאַרק ליב גיהאַט צו האַלטין אַזעלכי משרתים וואָס זייא זאָלין קיין שכל האָבין איהם נאָך צו קיקין זיינע הייליגע מעשים איין מאָהל איז ער גיגאַנגין ביי נאַכט און מאַרק האָט ער גיטראָפין איין פּראָסטען מענטש וואָס ער איז געוועזען דיא נאַכט איין

זיין שומר אויף דעם ערט פון איין בעל הבית דען אונ דיא קליינע שטעטליך איז געוועזען איין מנהג אז אלע נאכט איז איין אנדערער בעל הבית געוועזען א שומר בייא דער שטאט אונ ווער עס האט נישט געוואלט אליין גיין האט ער זיך גידינגען איין מענטש אז ער זאל גיין אויף זיין ארט אונ אזוי וויא דער מענטש איז גינאנגען דיא נאכט פאר איין בעל הבית. האט איהם דער צדיק גיפרעגט פון וועמים וועגין גייסטו דיא נאכט האט ער איהם גיענטפערט פון דעם אונ דעם וועגין אונ דער נאך האט ער איהם גיפרעגט פון וועמים וועגין גייט איהר רבי. אזוי וויא דער צדיק האט דאס געהערט האט ער באלד פארשטאנין אז ער איז איין גיטער גולם האט ער איהם גיענטפערט לעת עתה גייא איך נישט פאר קיין שום מענטשס וועגין אונ דיך וועל איך בעטין אז דיא זאלסט מארגין קומען צו מיר. איז ער דעם אנדערין טאג געקומען צו איהם האט ער איהם גידינגען פאר איין משרת אונ ער האט פיהל נחת גיהאט פון איהם בעווייל קיין זעלכין גולם האט ער נאך נישט גיהאט אז ער זאל נישט פארשטיין קיין שום זאך אונ ער זאל זיין איין באגלייבטער שליח:

## נאך א מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל

[illegible] זיין שטאט איז געוועזין איין מענטש וואס ער האט גיפאסט פון שבת צו שבת אונ ער איז טאג אונ נאכט גיזעסין אונ גילערינט אונ מען האט נישט גיוויסט צו ער איז מאקע איין ערליכער יוד צו ער טיט דאס נאר וועגין גאוה האט דער צדיק גיוואלט גיוואר ווערין דעם אמת האט ער אהן גיזאגט עטליכע יונגליך אז זייא זאלין זיך זעצין לעבין איהם אונ איינער זאל איהם ציען בייא זיינע מלבושים אונ איינער זאל איהם ארויס ווארפין דאס היטעל אונ נאך כדומה. האבין זייא אזוי גיטאהן איז דער צדיק צוא גיגאנגין צוא איהם אונ האט גישריגען צוא דיא יונגליך וואס ווילט איהר פון דעם מענטש וואס ער פאסט מאנטיג אונ דאנערשטיג. האט זיך דער יוד אהן גירופען צו איהם אונ פון שבת צו שבת ווילט איהר נישט. האט דער צדיק שוין פארשטאנין אז זיין מיינונג איז גאהר צוא בערימין זיך:

## נאך אווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' נפתלי פון ראפשיץ זצ"ל:

אין מאהל איז ער גיפארען נאך געלד אויף איין דבר מצוה. אונ דער איז דורך גיפארין דורך איין דארף וואס דארט האט גיוואהנט איין גרויסער עושר נאהר ער איז געוועזען איין גרויסער קמצן, אונ אזוי וויא רש"י

דער עושר האט דערזעהן אז איין בחדיל פארט האט עהר פארשטאנען אז דאה פארט מען צו איהם נאך איין נדבה. איז עהר כאלד גיגאנגען אונ זיין הויף ארײן זיך באהאלטין. אונ זיין כ"ב האט ער אהן גיזאגט אז מען זאל זאגין דיא מענטשין וואס וועלין קומען אז דער בעל הבית איז נישט דא אונ דער היים. אונ זייא אליין קאנין נישט געבין. אונ וויא מען איז אהין געקומען איז דער רבי ארײן גינאנגען אונ שטוב ארײן אונ דיא נבאים האבין גיפרעגט וויא דער בעה"ב איז. האט מען זייא באלד געענטפערט אזוי וויא עהר האט אהן גיזאגט. האט עהר גיזאגט צוא דיא נבאים אז זייא זאלין איהם גיין זוכען בעוטבל ער האט פארשטאנען מיט זיין רוה"ק אונ מיט זיין חכמה אז זייא וועלין געפינען. זענין דיא גבאים איהם גינאנגין זוכען אונ זייא האבין איהם געפונען אויף דעם בוידים פון דער רינדער שטאל אונ עהר איז דארטין גילעגין באהאלטין אונ דעם שטרויא. אונ זייא האבין איהם אראפ גיבראכט אונ שטוב ארײן. האט עהר ותחת בושה גימוזט געבען איין גרויסע נדבה. אונ אז דיא גבאים האבין דעם רבי'ן דער ציילט וויא זייא האבין איהם געפונען אונ גאנצין באהאלטין אונ דעם שטרויא. האט דער רבי גיזאגט צו זייא. אונזערע חכמים זאגין. גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה. ד"ה. דיא מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער וויא צוא זעהן דיא שכינה פאר וואס זאל דאס זיין גרעסער. נאהר ווייל ביא משה'ן שטייט ווען דיא שכינה האט זיך צוא איהם בעוויזין. ויסתר משה פניו. דאס הייסט משה האט זיך פאר באהרגין זיין פנים אבער נישט זיין גאנצין גוף. אונ דא ביא דער מצוה הכנסת אורחים האט זיך דער מענטש אונ שטרוי זיין גאנצין גוף באהאלטען זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל

איין מאהל האט עהר גיזעהן איין זיווג פון דעם הימעל פון גרויסע צדיקים. איז עהר אליין גיווארין שדכן אונ ער האט דעם שידוך דער ציילט פאר דעם צדיק דער פאטער פון דעם חתן האט ער איהם גיענטפערט אז עהר באשטייט אויף דעם שידוך נאהר בתנאי אז דער צדיק דער פאטער פון דער כלה זאל געבען מאפיל בעוועל זיין זוהן דער חתן איז איין גרויסער למדן. אונ דער נאך איז עהר געקומען צוא דעם פאטער פון דער כלה אונ האט איהם פאר גישטעלט דעם שידוך. האט עהר אויך גיענטפערט אז דער שידוך גיפעלט איהם נאהר בתנאי אז דער פאטער פון דעם חתן זאל געבין מאפיל בעוועל עהר איז מבין מיוחס האט דער רבי ר' נפתלי גיענטפערט זוא דער שידוך איז שוין גיקאנטשיט בעוועל דער פאטער פון דעם חתן האט אויך אזוי גיזאגט. אונ דער פאטער פון דער כלה האט גימיינט אז עס איז אמת אזוי ווי עהר זאגט אז דער פאטער פון דעם חתן האט טאקי גיזאגט אז ער

ער וועט נעבין מאפיל . אונ דער רבי ר' נפתלי האט איהם גיפרעגט עהר זאל איהם ארויס נעבין איין צייט אונ איין ארט מען זאל דיא זאך גיאנטשין , האט עהר איהם ארויס גיגעבין אונ דער נאך איז ער געקומען צו דעם פאטער פון דעם חתן אונ ער האט איהם גיפרעגט וואס ער זאגט צוא דעם שידוך . האט עהר איהם גיענטפערט איך האב דאך שוין דיר אונג גיזאגט אז דער מחותן זאל נעבען מאפיל . האט איהם דער רבי ר' נפתלי גיענטפערט . איך האב שוין מיט איהם אויך גירעד אונ ער זאגט אויך אזוי אונ ער האט מיר שוין ארויס גינעבין איין ארט אונ איין צייט . איז דער צדיק אויך באשטאנין אויף דעם ארט אונ אויף דער צייט , אונ זייא זענען זיך צונויף געפארין דורך דעם רבי'ן ר' נפתלי'ן אונ איין הויז אריין . אונ דער רבי ר' נפתלי האט זיך באהאלטין אונ איין שטוב געבין דער שטוב ווי זיי זענען גיוועזען אונ עס איז געווארען צווישין זייא א מחלוקת דער האט גיוואלט מאפיל אונ דער האט גיוואלט מאפיל , אונ זייא האבין שטארק גיזיכט דעם שדכן אונ זייא האבין איהם נישט גיקענט גיפונין , ביז זייא האבין זיך גימיזט איינין פאר גלייכען אונ זייא האבען דארטין גישריבין תנאים . איז באלד ארויין געקומען דער רבי ר' נפתלי אונ ער האט גיזאגט טרנן וויבנן מזל טוב . מזל טוב אונ איטליכער איינציגער מחותן האט איהם גיפרעגט פאר וואס האסטו מיך גינארט איך האב מיך דאך בפירוש אויס גענומען אז איך וויל מאפיל האט ער זייא גיענטפערט איך האב אייך נישט גינארט נאר איך האב אייך גיזאגט אז יענער וויל אויך מאפיל זענט איהר דאך גיבליבע מחותנים אונ איהר זענט דאך ביידע רבי'ם האב איך פאר שטאנין אז ווייא באלד איהר וועט אייך צו נויף קומען וועט איטליכער איינער זעהן אז דער אנדערער איז נישט קיין גנב אז ער זאל דארפין באצאהלען כפל . אונ איהר וועט אייך זעלבער פארגליכין האבין דיא צדיקים שטארק הנאת גיהאט פון זיינע טייערע ווערטער אונ זייא האבין איהם פיהל גילד קוויט אויף זיין טייערע חכמה אונ מיט גיבין האבין זייא איהם באצאהלט וואס שדכנות געלד וואס ער האט פונקט דאמאלס באדארפין אויף הכנסת כלה

---

# נאך אוואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיץ זצ"ל :

איין מאל איז דער רבי ר' נפתלי גיזעסין ביים זיין טיש אונ עס איז דאמאלס גיזעסין ביים איהם פיהל רבנים לומדים חסידים בעלי בתים אונ דער רבי ר' נפתלי האט דער גייערט פון דעם גרויסקייט פון זיינע תלמידים אונ ער האט גיזאגט אזוי איין מיוחס ווי איך בין פון אלע זייטען איז נישט דא אויף דער וועלט אונ אויב עס איז דא וואלט איך איהם זייער גיוואלט זעהן האט זיך איינער פון דיא חסידים אהן גירופין רבי איך בין מיין מיוחס . האט ער הם באלד צו גירופין צו זיך אונ

ער האט איהם גיפרעגט ווער איז דיין יחוס. האט דער חסיד איהם גיענטפערט איך בין איינער אוג פון מיין משפחה וואס איך לייג תפילין אוג איך וואש מיר דיא הענד צום עסן האט דער רבי ר׳ נפתלי דער פון זייער גילאכט אוג ער האט גיזאגט דער יוד האט רעכט אוג ער איז בדאי אים זייער חשוב גיוועזין דורך זיין זכות. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל ואמן :

## נאך א מעשה פון דעם רבי׳ן ר׳ נפתלי מראפשיץ זצ״ל

איין מאהל זענין גיוועזין בייא דעם רבי׳ן פון לובלין עליף חסידים וואס זייא זענין דער נאך אלע געוועזין גרויסע צדיקים אוג דער רבי ר׳ נפתלי איז גיוועזין איינער פון זייא אוג אום פרייטאג נאך דעם מרחץ האבין זייא זיך גיזעצט טרינקין מעהד. אוג איינער פון זייא האט נישט גיוואלט טרינקין בעוותיל ער האט גיזאגט אז דער כוס איז נישט גיטובילת. האבין זייא איהם גיפרעגט פון וואנין ער וויסט האט ער גיענטפערט אז ער האט זיך דאס אוים גילערינט פון דעם רבי׳ן פון לובלין אז אויף איין אום גיטובילטען כוס ריהט איין רוח הטומאה. אוג דער וואס ער האט אויגין צו זעהן זעהט ער איין קאליכדיגע רעדיל איין שווארץ׳ס ארום איהם אבער דער רבי ר׳ נפתלי האט גיענטפערט איך זאג אז דיא זעהסט נישט אוג דיא ווייסט נישט אוג איך וועל מאכין איין פראבע דער צו אוג ער האט גישיקט קויפין עליף כוסות צעהן צו טובלין אוג דעם עליפטין נישט צו טובלין אוג מען זאל זייא אלע אהן פילין מיט מעהד. אוג דאמאלס זאל ער אוים קלויבען וועל... ער איז נישט גיטובילת, האט דער שליח אזוי גיטאהן אוג ער האט גיבראכט דיא צעהן באזונדער אוג דעם עליפטין באזונדער אוג דער רבי ר׳ נפתלי האט זיך גימאכט איין סימן אוג דעם אום גיטובילטן כוס אוג דער נאך האט ער זייא אוים גימישט אוג דער נאך האט דער צדיק הנ״ל אוים גיקליבין דעם אום גיטובילתן כוס. אבער דער רבי ר׳ נפתלי האט זיך גימאכט איין קטאוים אוג ער האט ווייטער גיזאגט אז ער האט נישט גיטראפין דעם אום גיטובילטן. אוג דער נאך האט דער רבי ר׳ נפתלי גיזאגט צו איהם זאלסט וויסען מיין קינד אז איך ווייס אויך פון דעסט וועגין זאג איך נישט אוים. אוג באמת האט יענער צדיק יאה גיטראפין נאר בייא ביידע מאהל נאר דער רבי ר׳ נפתלי האט אום טישגע גיזאגט אז ער ווייסט נישט כדי ער זאל וויסען פון היינט אהן שוין נישט אוים צו זאגין בעוותיל ער האט אויך גיוויסט פון דעסט וועגין האט ער נישט אויס גיזאגט.

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי׳ן ר׳ נפתלי פון ראפשיץ זצ״ל :

**דער** רבי ר׳ נפתלי האט שטענדיג ליב געהאט צו זאגען ווערטליך **אונ** פיהל פון זייא זענין וויציגליך בייא **דער** וועלט אונ דאס איז נישט וויציגליך **דאס** דער רבי פון לובלין איז שטענדיג **געוואהנט** געוועזען א מאהל מכבד צוא זיין איינים פון זיינע גרויסע תלמידים **זיך** אנידער צוא זעצין אויף דער שטיהל צוא נעמין קוויטליך בייא דיא מענטשען וואס וועלען קומען אונ זייא צו בענטשען וואס זיי וועלין פערלאנגין. איין מאהל איז דער רבי ר׳ נפתלי געקומען פאר זיין רבי׳ן פון לובלין אזוי ווי עהר איין פאר קלאגט זיך אז מען האט בייא איהם צוא גינאנבית זיין חאלאט. אונ עס איז איהם נישט קיין שאהד דער חאלאט בעוויל עהר איז שוין גיוועזען א ביסיל צו ריסען. **נאהר** עהר האט רחמנות אויף דעם גנב בעוויל עהר וועט דארט געפינען איין פילע קעשענע מיט קוויטייך וועט עהר האפען אז דאס געלד פון די פדוניות לינט אויך דארט. אבער זיין האפונג וועט זיין אים זיסט בעוויל דאס געלד פון דיא פדיונות איז זיין שטיינער ארבי צו לייגען אונ די הויזען קעשענע ...

---

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ נפתלי מראפשיץ זצ״ל

**אז** דער רבי ר׳ נפתלי האט געוואלט אשידוך טאהן מיט זיין איינציגע טאכטער אונ מען האט איהם פאר גישטעלט עטליכע שידוכים. איז ער געפארען צוא דעם רבי׳ן פון לובלין איהם צוא פרעגען וועליכען עהר זאל מאהן. האט דער רבי איהם גיענטפערט אז עס איז נישט דא קיין איינער וואס ער זאל איהם גיפעלין אונ אזוי האט ער גיטאהן בייא דעם אנדערין מאהל ווען ער איז געקומען האט ער מיט זיך מיט גיבראכט פיהל נייע שידוכים אונ זייא זענין אלע דעם רבי׳ן נישט גיפעלין האט ער גיזאגט צו זיין רבי׳ן אאס וועט זיין דער סוף. איהר שטיפט אוועק נייע שידוכים אונ איך אייל מיך דאך צו טאהן איין שידוך האט דער רבי איהם גיענטפערט גייא אונ טוא אזוי זאג צו דיא שדכנים אז זייא זאלין דיר פאר שטעלין פיהל שידוכים אונ דיא זאלסט זייא אלע אויף שרייבען אויף איין פאפיר אונ דיא זאלסט זייא ברענגין צו מיר וועל איך דיר אויס קלויבין דעם אמתן זיווג. האט ער אזוי גיטאהן אונ ער האט שוין גיהאט אויף גישריבין טויזינד שידוכים אונ ער איז גיפארין צו דעם רבי׳ן אונ ער האט איהם גיוויזין דאס פאפיר האט איהם דער רבי גיענטפערט אז אונ דיא אלע געפינט זיך נישט דער זיווג פון דיין איינציגע טאכטערם וועגין. דעריבער פאר אהיים צי ווארטין אויף נייעס איז ער אהיים געפארין דורך ווארשא אונ דארט האט ער גיזעהן איין בחור וואס ער איז איהם זייער גיפעלין. האט ער איהם צו גירופין זאג ער האט איהם גיפרעגט ווער מינס ביזט דיא האט איהם דער בחור גיענטפערט איך בין דעם אונ דעם שנייערם. האט

האָט דער רבי ר' נפתלי גיזאָגט צו איהם, קום מיט מיר און וועל מיר ווייא דיין פאָטער וואדגט בעווייל איך וויל מיר פאַר רעכטען דיא אַרביל פון דער זשיפיצא. און אום מיטין ווען האָט ער מיט איהם נידער את תורה און חכמה און אזוי וויא ער איז אריין געקוסען צו זיין פאָטער און ער האָט צו איהם גיזאָגט איך וויל מיר נעמען אייער זוהן פאַר איין איידים בעווייל ער איז מיר זייער גיפעלין דאָס דער שניידער איהם גיענטפערט איך דאַרף וויסען ווער איר זענט בעווייל מיין זוהן איז אַ מפורסם אויף דער גאנצער שטאָט פאַר איין גרויסען עילוי האָט דער רבי ר' נפתלי איהם גינעבין איין קליין קוויטאַרע גיחתמט זיין נאָמען און זיין פאַמיליע און דיא שטאָט וויא ער איז גיוועזן רב. איז דער שניידער אַרובער גיגאַנגען מיט דעם קוויטעלע צו דעם רב וואָס ער איז דאָרט געוועזען און אַזוי וויא ער האָט דאָס איבער גילייגט האָט ער גיזאָגט צו דעם שניידער. ווער וואָלט גיגעבין אַז עס זאָל זיין אַזאַ אַז דער רב זאָל אָנקומען מיט דיר עס וואָלט מיין ווערט גיוועזען פון דעם גאַנצען פאַרמעגען פון דער וועלט און מיין חלק זאָל זיין מיט דיר און ווען עס זאָל זיין איין אופן אַז ער זאָל וועלין זיך משדך זיין מיט מיר וואָלט איך מיך גישפאַריקט מיט אַלע מעגליכקייטין פון דער וועלט און פאַר דיא ווייטע האָט ער איהם מיט גענומען קיין לובלין צו ווייזען איהם פאַר זיין רבין און באַלד אזוי וויא ער איז אריין געקומען האָט דער רבי פון לובלין צו איהם גיזאָגט חכם עדיף מנביא ד"ה אַ חכם איז בעסער פון איין נביא און ער האָט אויף דעם בחור גיזאָגט אַ נים קרבן פסח'יל און דאָס איז דאָך מפורסם אַז ער איז נפטר גיוואָרען אום ערב פסח און און דעם יאָהר וואָס ער איז נפטר גיוואָרען האָט ער פיהל גיקוקט און דעם יעריגען לוח און ער האָט אַלע מאָל געוויזען דאָס וואָס עס שטייט דאָרט בה"א ע"ש דיא אותיות ת"ב וואָס דאָס איז ראשי תיבות תענית בכורים און ער וואָס אַ"ע מאָל גיזאָגט אַז עס מאַכט ערב פסח תבעה באב בעווייל ער האָט גיזעהן אַז דאַנאָ"ס וועט ער נפטר ווערין פון דער וועלט:

## נאָך אַ מעשה פון דעם רבין ר' נפתלי כראָפשיץ זצ"ל!

איין מאָל איז געקומען צו דעם רבין ר' נפתלי'ן איין סוחר פון בהמות און ער האָט איהם גיבעטען אַז ער זאָל בעטען אויף איהם אַז ער זאָל פאַרדינען און זיין מסחר האָט דער רבי ר' נפתלי איהם געוויזין [illegible] אַז ער זאָל [illegible] דער מסחר אזוי גיטאָהן און ער האָט שטאַרק מצליח געוועזען, און איין צייט אַרום האָט זיך דער סוחר גיטראָפין מיט זיין חבר וואָס ער איז אויך געוועזען איין סוחר פון בהמות און ער האָט איהם דער צייהלט אַז ער שטייט און פיהל הזיקות דאָס דער סוחר איהם עצהט זיין פעולה וואָס דער רבי ר' [illegible]

נפתלי האט איהם גיהייסען זאגען דיא טעליכע גיפיטלען תהלים אונ וויא עס איז פאר בייא גיגאנגען טעליכע חרשים האבין זייא זיך נאך א מאל גיטראפין האט איהם דער חבר דערציילט אז עס האט איהם גישט גיפועל"ט דיא סגולה. אונ ער האט גיזאגט אז ער גלייבט נישט אז דאס האט דער רבי ר' נפתלי גיזאגט פאר איין סגולה זענין זייא בייד[ע] נאך א מאל גיגאנגין צו דעם רבי'ן ר' נפתלי אז ער זאל זייא בענטשין אונ זייא האבין איהם דאס גיפרעגט. האט ער זייא גיענטפערט השי"ת האט מיר גיגעבין דיא דאזיגע פרנסה אז איך זאל העלפין יודין אונ דיא ביזט מיר מסיג גבול דאס מען אויף דעם הימעל דיך נישט גיוואלט הערין ביז איך וועל אזוי זאגין:

***

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון דעם רבי'ן ר' נפתלי בראפשיץ זצ"ל!

דער רבי ר' מענדאלי פון רימינוב האט שטענדיג אכטונג גיגעבין אז יודין זאלין גיין אונ גאטס וועג אונ ער האט גיזעהן אז דיא יודין וואס וואהנען אונ דיא דערפער קענין זיך נישט פירען אונ גאטס וועג בעוויל זייא קענין קיין מאל נישט דאווינען מיט מנין אונ זייא האבין דארט נישט קיין מקוה אונ בזיליך וואס ווערין זייא אוים גימישט מיט דיא גוים. אונ בפרט דיא קינדער וואס זייא זעהן קיינמאל נישט פאר זיך נאר דיא פויערען ווערין זייא דאך פאר גרעבט אונ ער האט שטארק מתרעם געוועזין אויף דעם פאר זיינע גרויסע חסידים אונ חשמש זייא האבין גירעדט אויף זיין הארץ אז זייא קענין נישט וואהנין אונ דיא שטעט בעוויל זייא האבין נישט קיין פרנסה דאך האט ער זיך גיהאלטין ביי איינם אז דער אייבישטער שפייזט דיא יודין מיט חסד אויף אלע ערטער וויא זייא וואהנען. אונ אזוי האט ער זיך נישטא־קט אונ זיין דעה ביז ער האט גיבאטין אויף דיא אלע דארפס לייט וואס ארום זיין שטאט אז זייא זאלין זיך תיכף זעהן אפ צוא זאגין פון זייע־ע גישעפטין אונ זייא זאלין זיך זעהן דירות אונ שטעט אויטליכער וויא ער וועט וועלין. אונ עס איז אבער ווייניג געוועזען וואס זייא האבין איהם גיהערט. אונ דורך דעם איז ער ביז געוואָרען אויף זיי אונ ער האט תפלה גיטאהן אז דיא דארפס לייט ארום איהם זאלין ווערין מנוזה אונ דיא אוינען פון דיא פריצים אונ גראפען אז זייא זאלין זייא נישט פערדינגען קיין שום גישעפט אונ זייא זאלין נאהר וועלען קריסטען. איז באלד מקוים געוואָרען בייא איהם דער פסוק ותגזור אומר ויקם לך וואס איז פטשט אז דער צדיק איז גוזר איז דער אייבישטער מקיים אונ פון דאס באלד גיהערט אז יעדער גוטר פריץ האט גיזאגט צוא זיינע יודין אז ער וויל זייא שוין נישט פארדינגען זיינע גישעפטין בעוויל ער וויל נישט אז איין יוד זאל וואהנען אונ זיין הויף. אונ דיא זאך איז געוועזען ווייטליך אז דורך דער תפלה פון דעם צדיק איז דאס גיטאהן געוואָרען. אונ עס האט איהם קיינער נישט גיקענט אוועק נעמען פון זיין דעה. האבין דיא חסידים גיטערינט צווישען זיך אז מיא

זאלען

זאָלען מודיע זיין זייער צער צוא דעם
צדיק פון ראָפּשיץ אז ער זאָל מיט
זיין חכמה געבען איין עצה וואָס מען
זאָל טאָהן. אונ בפרט אז זיא האָבין
געוויסט אז ער איז דער געליבטסטער
אונ געטרייסטער ביא דעם צדיק.
אונ אזוי וויא דער שליח איז געקומען
פאַר דעם צדיק פון ראָפּשיץ איז ער
באַלד געפאָרען קיין רימינוב. אונ קיין
באָהן איז נאָך דאַמאָלס נישט געוועזען
באָהר ער איז געפאָרין אויף א שליטען
ווייל עס איז געוועזען אום ווינטער אונ
עס איז דאַמאָלס געוועזען איין גרויסער
פראָסט. אונ אזוי וויא ער איז געקומען
קיין רימינוב איז ער אריין גיגאַנגין
אונ דעם צדיק'ס איין חדר וואָס דער
צדיק האָט געבריכט דורך צוא גייען
דורך דעם חדר אונ ער האָט זיך
אַרויף געלייגט אויף דעם בעט איין
געהילט מיט פיהל וואַרימע מלבושים
אונ אז דער רבי ר' מענדעלי איז
אריין גיגאַנגען אונ ער האָט געזעהן
איין איינגעהילטער מענטש ליגט אויף
דעם בעט האָט ער גיפרעגט ווער דאָס
איז האָט מען איהם גיענטפערט
אז דאָס איז דער ראָפּשיצער רב.
האָט ער איהם גיגעבען שלום. אונ
דער רבי ר' נפתלי האָט נאָהר נישט
גיענטפערט אונ ער האָט זיך גימאַכט
שלאָף אונ גלייך ער קען נאָהר נישט
רעדין. נאָהר נאָך פיעל דער ווערימען

האָט ער שטאַרק געענטפערט. אז דער
רבי ר' מענדעלי זייער דערשראָקען
געוואָרען אונ ער האָט איהם גיפרעגט.
ראָפּשיצער רב וואָס איז אייך. האָט
ער איהם געענטפערט. דער רבי ווייסט
דאָך אַוואָסערע פראָסט עס איז היינט
בין איך זייער געפרוירין געוואָרען דען
כל זמן אז יודין האָבין געוואָהנט אונ די
דערפער. האָבין מיר זיך אונ יעדען דאָרף
געשטעלט אָפּ צוא רוהען אונ מיר
האָבין גיטרינקען בראָנפען אונ פוהרא
איז אונז וואַרים געוועזען ביז דעם
אַנדערען דאָרף אונ אזוי ווייטער.
אָבער היינט אז דער רבי האָט גיהייסען
אז יודין זאָלין נישט וואהנין אונ דיא
דערפער ווי אַהין זאָלין מיר אריין גייען
אונ איך וואָס האָב וואַרימע מלבושים
בין שיער געפרוירען געוואָרין מכל שכן
אָרימע לייט ווער ווייסט וויפיל חעלין
מסוכן ווערין ווי דער רבי ר' מענדלי
האָט דאָס דער הערט. האָט ער גיזאָגט
זאָגין מיר גיגייט צו בעטין צו דעם שומע
תפלה אז ער זאָל גיבין דעם חן פון דיא
מענטשין אונ דיא פריצים'ס אויגען אז
זיי זאָלין זיי ווייטער פאַרדינגען זייערע
געשעפטין אונ זיין תפלה איז באַלד דער
הערט געוואָרין אונ די פריצים האָבין
גיזאָגט אז זיי האָבין נישט געפונען קיין
מענטשין פון זייערע אזוי ווי זייער חילען
פונין זיי לייערען די יודין אונ זייא גענומען
דיא געשעפטין וויא דער מער: